STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11343

DI ROYTE BALKE

G. Estraikh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 11 (95) ביבליאָטעק פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 11, 1988

גענאַדי עסטרײַך

די רויטע באַלקע

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ • מאָסקווע • 1988

אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע
פון אַרן ווערגעליס

גענאַדי עסטרײַך איז געבוירן אין 1952 אין זאַפּאַראָ־זשיע. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אָרטיקן מאַשינבוי־אינסטיטוט געאַרבעט אין אַ קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ. דערנאָך — אין אַ פּראָיעקטן־אינסטיטוט. איצט איז ער אַ מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד”. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1984. פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי דערציילונגען און נאָטיצן אױף די שפּאַלטן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד” און „ביראָבידזשאַנער שטערן”. וווינט אין מאָסקווע.

די רויטע באלקע

1

— גיט נאָר א קוק! — דער זיידע יערוכעם ווײַזט אלעמען זײַן דלאָניע, וווּ ס׳ליגט א בייגל, וואָס ער האָט צעבראָכן מיט די פינגער, — ס׳ברעכט זיך שטענדיק אף פיר טיילן. און דאָ, נא דיר גאָר, אף דרײַ.

דער זיידע זיצט אין זײַן שווארצן צווייבאָרטיקן יאָמטעוו־אָנצוג, אין א ווײַס העמדל מיט א ברייטן שניפּס אין גלאנצנדיקע פּאסן. ער איז ערשט געקומען פון זײַן געבורט־דאָרף אָדער, ווי ער רופט עס, פון „מײַן קאָלאָניע״, און קאָן זיך נאָך ניט אָנפרייען סײַ מיט דער רײַזע, סײַ מיטן אומקערן זיך אהיים.

— יאָ, זלאטע, איך האָב פארגעסן דיר זאָגן. כ׳האָב דאָך געזען מאשע אָשעראָווע. דו האָסט זיך, דאכט זיך, געלערנט מיט איר אין איין קלאס?

— ניין, טאטע, כ׳האָב זיך געלערנט מיט זיאמקען, איר שוועסטערקינד, — זלאטע לייגט אונטער אין אָקסאנעס טעלער נאָד א קעז־לאטקע.

— מאמע, איך וויל מער ניט, — קאַניוקעט ווי א קליין קינד אָקסאנע.

— עס. גיב א קוק אף אניוטען. — אניוטע, אף פינף יאָר ייִנגער פון אָקסאנען, עסט סאָליד. ס׳פילט זיך גלײַך, אז איר דארף מען ניט אײַנריידן נעמען אָן איבעריק שטיקל. — זאָג איר, זאָל זי כאָטש איין מאָל אָפּעסן ווי א מענטש. פארוואָס עפּעס נאָר איך דארף זײַן שטענדיק א שלעכטע? — זלאטע קוקט אפּן מאן.

מאקסימאָוו שאָקלט אף „יאָ״, נעמט זיך א פּאָר לאטקעס און כאַזערט איבער אף א קאָל:

— יאָ. עס.

— עס, עס, אָקסאַנע, — כאַפּט אונטער דער זיידע יערוכעם, — וואָלט איר נאָר אַ קוק געטאָן אויף מאַשע אָשעראָווען. ברייט איז זי געוואָרן, ווי אַ קאַליטקע. און אַ בעריע — איינע אין דער וועלט. אָט אַזוי בייט זיך אַלץ. ריסיע, די מוטער אירע, איז געווען פֿייל ווי אַ שטעקן, אַ שלימעזאַלניצע. און בײַ דער טאָכטער ברענט אַלץ אונטער די הענט.

— זיי לעבן, אַזוי ווי פֿריִער, בײַם קלוב? — פֿרעגט זלאַטע.

— יאָ, אָבער דו וואָלסט די גאַס ניט דערקענט. עמעס, די גאַס אַליין איז דאָפּקע געבליבן אַזאַ, ווי פֿאַר דער מילכאָמע. נאָר אַרום דעם קלוב... ערשטנס, דער קלוב איז גאָר אַ נײַער. אָבער דעריקער זײַנען די ביימער. דו געדענקסט דעם דירעקטאָר פֿון דײַן שול? דאַכט זיך, סאָרקין איז געווען זײַן פֿאַמיליע.

— סימקין, — פֿאַריכט אים זלאַטע.

— יאָ, יאָ, סימקין. זײַן ווײַב האָט נאָך געאַרבעט אינעם דאָרפֿסאָוועט. דאָס האָט דאָך ער צוגעטראַכט פֿאַרלייגן אַ פּאַרק אַרום דעם קלוב. שטעלט זיך פֿאָר, די ביימער וואַקסן. נאַט אײַך, אײַנמיטנדערינען אַ פּאַרק. אַ טראַכט טאָן נאָר. מיט הונדערט יאָר צוריק איז אויף דעם דאָזיקן אָרט געווען אַ ווילדער סטעפּ. מײַן זיידע פֿלעגט דערציילן...

— און וואָסערע ביימער האָט פֿאַרפֿלאַנצט אײַער סימקין? — מאַקסימאָוון אינטערעסירט שטענדיק צו וויסן גאָר אומדערוואַרטע פּראָטים.

— מערסטנטייל ניסנביימער.

זלאַטע גיסט אָן טיי. זיי האָבן אַלע ליב טיי מיט בייגל, וואָס מע פֿאַרקויפֿט אינעם ברויט־מאַגאַזין בײַם טראַמווײַ־אָפּשטעל. זלאַטע קויפֿט גלײַך צו עטלעכע בינטלעך, פֿאַר וועלכע מאַקסימאָוו האָט צוגעקלאַפּט אַ באַזונדערן צוואָק אין אַ ווינקל פֿון דער קיך.

— איר האָט שוין געזען די נײַע שכיינים, וואָס קלײַבן זיך אַריבער אין דער צוואַנציקסטער דירע? — דער זיידע צעברעכט נאָך אַ בייגל, דאָס מאָל אויף פֿיר טיילן.

— כ'האָב געזען עפּעס אַ מאַשין. דער עלטערער אַריאָל האָט זיך דאָרט געדרייט, — מאַקסימאָוו טרינקט, צובײַסנדיק אַ שטיקל צוקער מיט אַ פֿערטל בייגל צו יעדע עטלעכע זופּן טיי.

— כ'בין געשטאַנען אַ ווײַלע און געקוקט, — דער זיידע הייבט אויף זײַן ווײַזפֿינגער. דאָס הייסט, אַז ער האָט פֿאַרענדיקט די האַקדאָמע און גייט איבער צום טאַמציס, — דאַכט זיך, דער מאַן איז אַ ייִד. דו ווייסט, אַזאַ מין, אַ גרוי־

סער, א שוואַרצער, ווי דו, זלאַטע, דאַרפסט געדענקען, זאָלמען דער קאַצעוו, מענדל מאַלקעס מיזיניק. און דאָס ווייַב איז מיסטאַמע אַ רוסישע. רייַכע מענטשן.

— פונוואַנען האָסטו דערזען די רייַכקייַט? ס'שיט זיך פון זיי גאָלד? — פרעגט זלאַטע, קלוימערשט גלייַכגילטיק.

— מע זעט דאָך גלייַך. שטעל זיך פאָר, זיי פאַרמאָגן אפילע אַ וועלאָסי־פעד. זיי האָבן אים געשלעפּט אינצווייען: אַריאל מיט עפּעס אַ באָכער. ווייַזט אויס, דער זון פון די נייַע שכיינים. אַריאל איז שוין, פאַרשטייט זיך, געווען גוט שיקער.

2 ⚙

דער ווילדער סטעפּ, וואָס באַהאַלט זיך הייַנט אונטער דער שטאָט, אַ צוואָרפענער אויף צענדליקער קילאָמעטער, האָט גאָר אַמאָל ניט אויסגעהאַלטן די טויזנטיאָריקע אויספרוון מיט רעגן, שניי, ווינט און איז צעשפּאָלטן געוואָרן, איבערלאָזנדיק אויף דעם אָרט אַ לאַנגע טיפע באַלקע. דאָס אָרט האָט מען אין שטאָט גערופן „די רויטע באַלקע". „רויט" איז זי געוואָרן ניט איבער איר זעל־טענער שיינקייַט אָדער באַזונדערע רעוואָליוציאָנערע פאַרדינסטן. פּאָשעט, נאָך אין די דרייַסיקער יאָרן האָט אין דער באַלקע פון די נייַע זאַוואָדן צו דעם גיכן אין די ערטער טייַך אַ פלאָס געטאָן אַ וואַרעמער רויטלעך־ברוינער שטראָם. ווי אַ בלוטיקער שפּור פון אַ פאַרווונדעטער כייַע, האָט דער שטראָם זיך געטראָגן איבער אַ האַלבער שטאָט, אַרויסוואַרפנדיק אַמאָל צוריק, אין טייַך, האַלב־לעבע־דיקע פיש, וואָס האָבן נאַרישערהייט פאַרבלאָנקעט אינעם פאַרפירעריש וואַרע־מען גאַניידן.

דאָ, אויפן ברעג פון דער רויטער באַלקע, צווישן געדיכטע טרויער־ווערבעס, איז נאָך דער מילכאָמע סטיכייִש אויסגעוואַקסן „נאַכאַלאָווקע" — אַ יִישעוו פון עטלעכע צענדליקער ליים־שטיבלעך, וואָס — אָפּצולאָכעס אַלע אַרכיטעקטיר־פאַרוואַלטונגען — זייַנען כוצפּעדיק געשטאַנען לענגויס צוויי קרומע נאָמענלאָזע געסלעך. אין דער כאָרעוו געוואָרענער שטאָט האָבן די מאַכט־פאַרשטייער געקוקט אויף דער ווילקירלעכקייַט צווישן די פינגער, און די אייַנוווינער פון דער שטאָטי־שער הויפּט־מאַגיסטראַל, וואָס איז קימאַט האַרט צוגעגאַנגען צו די נייַע ליים־שטיבלעך, האָבן זיך אייַנגיכן צוגעוווינט צו די ווייַטע זיך הערנדיקע אין דער

פרימאָרגנדיקער שטילקייט מישעביירעכן פין נאכאלאָווקער הענער. אין א יאָר פינף ארום האָט מען דעם יישעוו איגגאנצן פארגעזעצלעכט. די צוויי קרומע, אָפט פארבלאָטיקע געסלעך האָבן באקומען אָפיציעלע נעמען — נעקראסאָוו־גאס און טאָלסטאָי־גאס. די נעקראסאָוו־גאס האָט מען שפּעטער אפילע טיילוויַיז פאראס־פאלטירט, און אפן ראָג איז אויסגעוואקסן א פינפשטאָקיק הויז, ווו אפן צווייטן שטאָק האָט באקומען א באזונדערע דירע פּיאָטער אַריאָל מיט זיַין געזינד: דעם וויַיב און דעם איינציקן זון אלעקסיי. דעם וויַיבס נאָמען האָט קיינער, דאכט זיך, ניט געוווּסט, אלע האָבן זי גערופן פּאָשעט — קארפּאָוונע, לויט איר פּאָטערנאָ־מען.

די דירע האָט אַריאָל באקומען ווי א באוווּסטער שטאָלקאָכער, כאָטש זיַין רום האָט זיך שוין צו יענער ציַיט געהאלטן מערסטנטייל לויט אינערץ, וויַיל פּיאָטער איז אומבאמערקט פאר זיך צוגעוווינט געוואָרן צו מאשקע. א פּאָר יאָר האָט ער זיך נאָך געהאלטן אין א רעזשים — „הונדערט גראם פארן אומביַיט, הונדערט און פופציק נאָכן אומביַיט". דערנאָך האָט די דאָזע אָנגעהויבן וואקסן, און סאָפּקאָלסאָף האָט ער געמוזט אוועקגיין פונעם זאוואָד אין עפּעס, ווי ער פלעגט אליין זאָגן, „א שאראגע". פין דעמלט אָן האָט ער זיך שטענדיק געדרייט אף דער פוסטקע צווישן די צוויי נאכאלאָווקער געסלעך, ווו ס'האָט זיך צוגעטו־ליעט א קליינע וויַין־פּאלאטקע.

אלעקסיי אַריאָל פלעגט אלע פריַיע שאָען דורכפירן אין דער רויטער באל־קע. דער יונגער דאָר פון די צוויי געסלעך איז געווען באוווּסט מיט אָפט גאָר ניט אומגעפערלעכע שפּילן. דאָסראָוו דערצויגליינגען פון דער באלקע פלעגט סאָפּקאָלסאָף „איבערוואקסן", אָבער מיט אייניקע האָט די מיליציע זיך אינטערע־סירט נאָך זייער לאנג.

ס'איז שווער צו זאָגן, אין וואָס פאר א קאטעגאָריע וואָלט אריַינגעפאלן אלעקסיי, ווען ניט מאקסימאָוו, וועלכער האָט געוווינט אף איין שטאָק מיט אַריאָלס מישפּאָכע און געהאט בא אלעקסייען ביז גאָר א גרויסן אווטאָרי־טעט. די סיבעס פונעם אווטאָריטעט דארף מען ניט זוכן אין עפּעס א באזונדערן אָנטייל מיצאד מאקסימאָוון אין אלעקסייס דערציִונג, ווי ס'טרעפט ציַיטנוויַיז צווישן שכיינים. מאקסימאָוו איז געווען פון די ליַידנשאפטלעכע אינזשעניערן, וועלכע לעבן נאָר מיט זייער ארבעט, און אינדערהיים נודיען זיי זיך, געפינען זיך ניט קיין אָרט. פאר לאנגוויַיל האָט ער מיסטאמע א צענדליק מאָל געשפּילט מיט אלעקסייען אין שאָך, און א פּאָר מאָל, דאכט זיך, האָבן זיי איינעם רעמאָנטירט זלאטעס פּרעסל. האקיצער, די סיבעס פון אלעקסייס צוִוגג צו מאקסימאָוון דארף

מען זוכן אין עפּעס אַנדערס, עפּשער אין דעם, וואָס יעדעס יינגל קלייַבט אויס פאַר זיך א מאַנצבל, פון וועמען ער נעמט איבער די „דערוואַקסענע" גענג. באַנאַנד מיטן שטענדיק שיקערן פאָטער האָט מאַקסימאָוו אויסגעזוכט צו זיין קימאַט ווי עפּעס א ליכטיקער צייטונגס־העלד, טאָמיד א פאַרזאָרגטער מיטן פּראָדוציר־פּלאַן. און עפּשער האָט אַלעקסיי אינסטינקטיוו אַנגעטאַפּט אין מאַקסימאָוון דאָס געפיל פון ניט־באַפרידיקטקייט, וואָס טרעפט זיך אָפט בא פאָטערס פון טעכטער.

מאַקסימאָוו האָט אינדערעמעסן געטרוימט וועגן א זון. אָבער נאָך צוויי טעכטער האָט זיך זיין ווייב קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פאָרזעצן די עקספּערימענטן, דערקלערנדיק, אַז זי, זלאַטע, איז ניט קיין אַרבעס און מאַקסימאָוו איז ניט קיין מענדעל[1], וועגן וועמענס פאַלשער לערע האָט זי געשריבן א רעפעראַט נאָך אין מעדינסטיטוט.

— דו זעסט, — פלעגט זי ניט דורכלאָזן קיין מעגלעכקייט א שטאָך טאָן איר מאַן נאָך יעדן אַלעקסייס פאָרטל, — מיט טעכטער איז רויִקער, איידער מיט אַזא מין שיבעניק.

מיטן ווייב האָט זיך מאַקסימאָוו ניט געשפּאַרט, אָבער צו דעם עלטערן אַריאַל האָט ער זיך צוגעטשעפּעט:

— פון דיין זון וועט זיך באַקומען א גוטער אינזשעניר. איך פיל. ער האָט קלוגע אויגן. לאָז אים נאָר פאַרענדיקן צען קלאַסן, און דערנאָך — אין אינסטיטוט.

— יאָ, א קאָפּ האָט מיין פּאַצאַן א ליכטיקן, — האָט געמורמלט פיאָטער, צוגלעטנדיק מיט דער האַנט זיין ליסינע, ווי ער פלעגט טאָן אין זעלטענע פאַר די לעצטע יאָרן מאָמענטן פון גייסטיקע אָנשטרענגונגען, — אַמאָל האָב איך פון דיר געמאַכט א לייט. איצט מאַך דו א לייט פון אַלעקסייען.

פאַר דער מילכאָמע האָט מאַקסימאָוו נאָכן קינדערהיים (דאָרט האָט ער באַקומען זיין פאַמיליע־נאָמען) טאַקע בעמעס געאַרבעט עטלעכע יאָר אין אַריאַלס בריגאַדע. איצט, אויף דער פּוסטקע, פלעגט פיאָטער ליב האָבן דערציילן וועגן דעם ליכטיקן וועג, וואָס ער, אַריאַל, האָט דורכגעלייגט פאַר מאַקסימאָוון.

אָקסאַנע, מאַקסימאָווס עלטערע טאָכטער, האָט זיך געלערנט אין איין קלאַס מיט אַלעקסייען. אין זיבעטן קלאַס, ווען מע האָט זיי אַריבערגעפירט אין דעם צווייטן אומבייט, נאָך מיטיקצייט (די שול איז געווען שטאַרק איבערגעפולט), האָט מאַקסימאָוו געבעטן אַלעקסייען באַגלייטן אָקסאַנען פון דער שול, ווייל

---

[1] מענדעל — דער גרונטלייגער פון גענעטיק האָט עקספּערימענטירט אויף אַרבעס.

דער וועג פאַרביי דער רויטער באַלקע האָט געהאַט אַ שלעכטן שעם. די ראַליע פון אַ לייַבוועכטער איז ניט שטאַרק געפעלן געוואָרן אַלעקסייען — ס'האָט ניט געפּאַסט צו די ניט־געשריבענע טאַקאַנעס פונעם נאַכאַלאָווקער ערע־קאָדעקס. אָבער אָפּזאָגן מאַקסימאָוון האָט ער ניט געקאָנט.

סאָף לערניאָר איז צו זיי צוגעשטאַנען מאַראַט טורדזועלאַדזע — דער באַזיצער פונעם וועלאָסיפּעד, וואָס ער האָט צוזאַמען מיטן עלטערן אָריאָל אַריינגעטראָגן אין דער צוואַנציקסטער דירע אינעם טאָג, ווען דער זיידע יערוכעם איז געקומען פון זיין קאָלאָניע.

אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז מאַראַטס פאָטער איז אַ פּאָלקאָווניק, מע האָט אים אַריבערגעפירט אַהער פון קאַליניִנגראַד קאָמאַנדעווען מיטן מיליטער־טייל, וואָס שטייט לעבן אַעראָדראָם, אין די אַזיִעגרופּענע סיבירער קאַזאַרמעס (פאַר דער רעוואָליוציע איז דאָרט געשטאַנען עפּעס אַ סיבירער פּאָלק). דעם מיליטערישן סאָד האָט אין הויף גלייך געבראַכט אַ שכיינע פונעם ערשטן שטאָק — אַ סאַניטאַרקע אינעם גאַרניזאָן־שפּיטאָל.

דער קלאַס האָט אויפגענומען מאַראַטן גאַנץ קאַלט. באָכערים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ מאַמעס זונעלע, מיידלעך — פאַר אַ פראַנט און אַפילע פאַר אַ באַרימער, האַגאַם ער האָט אינדערעמעסן ניט געהאַט קיין איינע פון די כאַטאָים. אים האָבן פּאַשעט אונטערגעפירט די צו גוטע פאַר יענע יאָרן האַלבאָשע, דער וועלאָסיפּעד און אַנדערע „גרויסאַרטיקע" כפּייצים. ווען ניט אַלעקסיי מיט זיינע אייזערנע קולעקעס, גוט באַוווּסטע סיי אין נאַכאַלאָווקע, סיי אין אַרומיקע גאַסן, וואָלט מאַראַט געוויס ניט איין מאָל באַקומען פאַר זיין גרויסאַרטיקייט.

3 ✲

אין עטלעכע טעג נאָכן סאָף פון די זומער־קאַניקולן, ערעוו דעם געאָגראַפיע־לימעד, האָבן אַלעקסיי און נאָך עטלעכע באָכערים פאַרמאַכט מיטן לערער־בענקל פון אינוויינִיק די טיר פונעם קלאַס. דאָסראָוו האָט גלייך פאַרגעלייגט עפענען די טיר, וואָרעם ס'איז שוין בעסער באַקומען צו „צוויי" באַלן, איידער זיך דערנאָך אַרויספּלאָנטערן פון אַזאַ אויסזיכטלאָזער געשיכטע. שורע

זעלעניז, דער קלאַס־סטאַראָסטע, האָט אפילע געפּרוּווט ארויסרײַסן מיט גוואלד דאָס בענקל פון דער קליאמקע, אָבער ער האָט געמוזט אָפּטרעטן.

אלעמען האָט אומגעריכט פאַרייניקט מאַראט. ער האָט דערקלערט, אז אויסזיכטלאָזיקײַט הייסט נאָך ניט קיין זינלאָזיקײַט און אז די אופשטאנדן פון די קנעכט האָבן ניט געהאט קיין שום אויסזיכטן, האגאם זיי האָבן סאָפקאָלסאָף כאָרעוו געמאכט די רוימישע אימפּעריע. דער מוסטער פון די רוימישע קנעכט האָט ווער ווייסט פאַרוואָס באַגײַסטערט דעם גאנצן קלאַס, און די שוץ איז פארשטארקט געוואָרן מיט שורע זעלענינס פּארטע.

בייס דער גרויסער האפסאָקע איז פאָרגעקומען אן אויסעראָרדנטלעכער פעדסאָוועט[1]. ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג פון וואלענטינע פעטראָוונען, דעם קלאַס־אָנפירער, וועגן אופהערן די אומדערפּאָלגלעכע אונטערהאנדלונגען מיטן פארבאריקאדירטן קלאַס און אויסניצן דעם מאנצבלשן קויעך פונעם פעדאגאָגישן קאָלעקטיוו. די אופגאבע האָט גלײַך געלייזט דער גוטמוטיקער לערער פון פיזקולטור מיט א צונעמעניש שאלאָפּײַ. ער האָט זיך דער ערשטער ארײַנגעריסן אין קלאַס און איז פארשטיינערט געוואָרן מיט א קאמפּלוסטיקן אויסזען באַם פענצטער, האלטנדיק נאָך אלץ אין דער האנט זײַן אופבראָךגעצײַג — א האקמעסער פון דער שול־גאָרקיך.

גלײַך נאָך שאלאָפּײַען איז אין קלאַס ארײַנגעפלויגן וואלענטינע פעטראָוונע. צום אלעם ערשטן האָט זי דערלאנגט א פליאסק זעלענינען, וועלכער האָט גלײַך פּאָפּאדיעט איר אונטער דער האנט. זיך אָפּגערעכנט מיטן סטאַראָסטע, איז זי צוגעלאָפן צו אָקסאנען.

וואלענטינע פעטראָוונע האָט געהאלטן אָקסאנען פאר עפּעס א ווערטיכוואָסטקע, א האָצעליכע, דעריקער ווײַל יענע פלעגט אקשאָנעסדיק איגנאָרירן די קאנאָנישע שול־פּאָרמע, לעכאָלהאפּאָכעס פון אָט אזא קלייניקײַט האָט זיך דער קאָנפליקט אָנגעהויבן נאָך אינעם פינפטן קלאַס. די סיכסוכים פלעגן געווייגלעך אופקומען בייס די לימודים פון געאָגראפיע, וועלכע ס'האָט בא זיי געפירט וואלענטינע פעטראָוונע. אָקסאנעס שוואכע ענטפערס (זי האָט אינדערעמעסן נעפּלדיק באנומען אלע פלעקן און צייכנס אף די געאָגראפישע מאפּעס) פלעגט וואלענטינע פעטראָוונע שטענדיק יאָקאָס פארבינדן מיט מיידל־ערע, מיט ווירדע פון א קינפּטיקער מוטער. עטלעכע מאָל האָט זי ארויסגערופן אין שול מאקסי־

[1] א פעדאגאָגישע בעראַטונג.

מאָוון. ער, וועלכער האָט שטרענג פאַרווערט די קינדער ארומריידן זייערע לע־רער, פלעגט קומען אהיים א צערודערטער.

— שטעל זיך פאָר, — האָט ער זיך געטיילט מיטן ווייַב, — די שול איז פול מיט גוטע לערער, אָבער די קלאַס־אָנפירערן דערשטוינט מיך מאמעש.

קאַלזמאַן דער דירעקטאָר האָט געפירט אונטערהאנדלונגען מיטן אומגע־ריכט צעבונטעוועטן קלאַס, האָט וואַלענטינע פעטראָוונע זיך אויסגעמאַלט שרעק־לעכע זנוס־סצענעס הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, אין וועלכע אַקסאַנע האָט לויט איר מיינונג, געדאַרפט שפּילן די הויפּט־ראָליע. זי האָט זיך אזוי בוילעט פאָרגעשטעלט די דאָזיקע סצענעס, וואָס זייַנען ניט קלאָר פונוואַנען אריַין אין איר גרייַז־גראָוון מוידישן קאָפּ, אז ס'האָט זי אפילע אָנגעהויבן איבלען.

...וואַלענטינע פעטראָוונע האָט אזוי לאַנג געקוקט אָף אָקסאַנען, אז די אנדערע בונטארן, וועלכע זייַנען איצט געשטאַנען אויסגעצויגן בא די פאַרטעס, האָבן סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאלטן די אָנשטרענגונג און א סקריפּע געטאָן מיט די דילברעטער. דאָס סקריפּען האָט ארויסגעפירט וואַלענטינע פעטראָוונען פון פארגליווערטקייַט, און זי האָט קימאַט א קוויטשע געטאָן:

— נו וואָס, איר האָט זיך שוין אָנגעטאַפּט?!

דער דאָזיקער קוויטש האָט אַלץ איבערגעקערט. אָקסאַנע האָט גלייַך פעסט פארנומען דעם קיסע־האמאַלקעס פון דער ערשטער שול־שיינהייַט, וואָס האָט זיך באפרייַט נאָך דעם, ווי מילע קוקושקינא איז אוועקגעפאָרן קיין קיעוו זיך לערנען אין א טעאַטראַלער שול. און מאראט מיט אלעקסייען זייַנען פארוואַנדלט געוואָרן פון לייַבוועכטער אין ריטערס פון זייער הארץ־דאמע. דערביַי איז אינגיכן קלאָר געוואָרן, אז די דאמע גופע באמערקט געוויינלעך בלויז איינעם פון די ריטער — מאראטן, און אלעקסיי האָט, דאכט זיך, געמאכט שאָלעם מיט זייַן דריטן אָרט.

4 ⚙

צוזאמען מיט די טורדזעלאדזעס זייַנען אין הויף געקומען אזעלכע מאָדנע, שיקער מאכנדיקע מיט אומבאוווסטער גרויסארטיקייַט ווערטער, ווי „גארניטיר", „קילקאסטן" און אפילע טעלעפאָן, דער אייַנציקער אינעם גאַנצן הויז. דעם סאָצגאָראָד,[1] וואָס האָט זיך געצויגן פון דער רויטער באלקע ביזן טייַך־פּאָרט, האָט באדינט א קאָמוטאטאָר, ווו ס'האָבן געארבעט מיידלעך מיט שיינע ברוסטיקע

[1] בוכשטעבלעך: א סאָציאליסטישע שטאָט.

שטימען, וועלכע האָבן געקלונגען נאָך נידעריקער און אפילע ווארעמער מאַכמעס דעם דאָרעמדיקן „ה" אַנשטאָט דעם קילבלעכן נאָרמאַנישן „ג". די אבאָנענטן פונעם קאָמוטאַטאָר האָט מען נאָך דעמלט ניט דורכנומערירט. ס'איז גענוג געווען פּאָשעט אויפהייבן דאָס טרײַבל און זאָגן איינער פון די שיין־שטימיקע מיידלעך: „טורדזועלאַדזעס דירע", און דאָס מיידל האָט שוין אליין געוווּסט, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי פאַרייניקן מיט דער צוואַנציקסטער דירע אפן ראָג פון דער נעקראַסאָוו־גאַס. מע דאַרף זאָגן, אז „טורדזועלאַדזעס דירע" האָט געווירקט, לעמאָשל, אף אָקסאַנען שטאַרקער, איידער „גאַרניטור", „קילקאַסטן" אָדער אפילע „שטיין־קרישטאָל". „טורדזועלאַדזעס דירע" האָט געקלונגען פאַר איר ערגעץ באַנאַנד מיט „די קאַרעטע פונעם פירשט באָלקאָנסקי".

אָקסאַנעס מוטער איז אויכעט ניט געבליבן גלײַכגילטיק צו דער גרויסאַרטיקײַט פון דער צוואַנציקסטער דירע. קוידעמקאָל איז זי אוועקגעפאָרן צו זיאַמקע אָשעראָוון, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט אן אוניווערמאַג, וואָס איז געשטאַנען סאַמע לעבן דעם גרויסן מאַרק, און יענער האָט איר געקראָגן א פוילישן גאַרניטור: א נידעריקער סערוואַנט, א צעלייג־טיש מיט זעקס בענקלעך און א בעט־דיוואַן.

דעם גאַרניטור האָט מען צעשטעלט אינעם גרויסן צימער, און דער אַלטער אָפּגעריבענער דיוואַן מיט א קליין שפיגעלע אינעם אָנלען האָט איבערגעוואַנדערט אין דער קיך, אפן אָרט פונעם פאַרנעמיקן אויוון, וואָס מע האָט ניט לאַנג צוריק צענומען און פאַרביטן אף א גאַז־פליטקע מיט שוואַרצע פליגעלעך. דאָ, אין דער קיך, פלעגן זיך אָפט צונויפקלײַבן אָפּדערנאָכט אָקסאַנע, מאַראַט און אַלעקסיי. צו זיי פלעגט זיך דורכשלײַכן אַניוטע, כאָטש אָקסאַנע האָט זי שטענדיק געטריבן, ווי ס'טרײַבן אָפט עלטערע קינדער זייערע ייִנגערע ברידער און שוועסטער, קעדיי יענע זאָלן זיי ניט דערמאָנען וועגן דעם, אז זיי, די עלטערע, זײַנען אויך נאָך ניט זייער דערוואַקסענע.

רוויקער פלעגט מען אויפנעמען די אָנוועזנהײַט פון עדיקן, וועלכער איז געווען אף צוויי יאָר ייִנגער פון זיי. עדיק — זלאַטעס פלימעניק — האָט געוווינט אין נאַכאַלאָווקע און איז באַוווּסט געווען אלס בעסטער אין דער שטאָט ראַדיאָליבהאָבער. גאַנצענע נעכט פלעגט ער אָפּזיצן בא זײַן אליין־געמאַכטער ראַדיאָסטאַנציע, אײַנשלאָפנדיק דערנאָך אף די לימודים. עדיקס פאָטער, א שויכעט אף דעם גרויסן מאַרק, האָט שוין געפרוווט צעברעכן די סטאַנציע, אָבער — נאָך דעם, ווי דער זון איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן אף עטלעכע טעג, האָט ער א מאַך געטאָן אף אים מיט דער האַנט און פילאָסאָפיש זיך געטיילט מיט די פרומע

ייִדן, וועלכע האָבן צו אים געטראָגן די אויפּעס: „וואָס קאָן איך טאָן מיט אים? ווי מע זאָגט, קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפֿן, גרויסע — לאָזן ניט לעבן".

ניט זעלטן פֿלעגט אין דער קיך, צו די יונגע, קומען דער זיידע יערוכעם. דעמלט פֿלעגט זיך צום דיוואַן צורוקן א רונדער טיש און אויף דער ריין אויסגעווישטער צעראַטע פֿלעגט זיך אויסשטעלן א מעשונעדיקער דעסן פֿון שווארצע מיט ווייַסע פּינטעלעך —ביינדלעך פֿון דאָמינאָ. דער דאָמינאָ איז געווען די אייציקע שפּיל, וואָס דער זיידע יערוכעם האָט אנערקענט נאָך דעם, ווי עפּעס א שווינדלער האָט איינמאָל, מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, אויסגענארט בא אים אין קאָרטן קימאט אלצדינג — דאָס אָנגעקליבענע פֿאר אָנדערהאלבן יאָר שווערער ארבעט.

אָבער צום אָפּטסטן פֿלעגט מען רעדן. עמעס, גערעדט האָט מערסטנטייל מאראַט. א שלאבעריקער, פֿלעגט ער פֿארכאַפּן דעם גרעסטן טייל פֿונעם דיוואַן. ווען ער פֿלעגט אָבער אָנהייבן זשעסטיקולירן — און אנדערש, אַפֿאָנעם, האָט ער ניט געקאָנט אויסרעדן קיין איין וואָרט, — דאַן פֿלעגט אפֿילע די געראַמע קיך שוין אויסזען צו זייַן ענג.

אלעקסיי איז בעטעווע געווען ניט קיין גרויסער דאבערן. אין דער דירע בא אַריאָלן איז ביכלאל געווען שטענדיק שטיל. נאָך דעם, ווי דער פֿאָטער האָט זיך אריַינגעלאָזט אין שיקרעס, איז קארפֿאָווגע געוואָרן אָן אָפּטער גאסט אינעם אייַנציקן אין דער שטאָט קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייַט פֿון דער רויטער באלקע, אנטקעגן דעם ספּאָרט־זאל „דינאַמאָ". אין שטוב האָט זי אלץ געטאָן שווייַגנדיק, נאָר צייַטנווייַז עפּעס געמורמלט צו דער איקאָנע, וואָס זי האָט געבראכט פֿון איר געבורט־דאָרף. דער עלטערער אַריאָל פֿלעגט זיך אויסרעדן אויף דער פּוסטקע. אינדערהיים איז ער אָדער געשלאָפֿן, אָדער געזעסן אין דער קיך, גערייכערט און געקוקט אין פֿענצטער אויף די טראמווייַען, וואָס האָבן דאָ, אנטקעגן זייער הויז, פֿארקערעוועט צו די זאוואָדן.

א צוהערער איז אלעקסיי געווען א גלענצנדיקער. זייַנע גרויסע באָלכעוואַטע אויגן פֿלעגן ווערן נאָך גרעסער, די קינדעריש־פּוכקע ליפּן — זיך אָנהייבן באַוועגן, גלייַך ווי איבערכאַזערנדיק דאָס דערהערטע. און ער, א הויכער, א מאָגערער און א ביסל אייַנגעהויקערטער, פֿלעגט זיך אינגאנצן אריַינצי:ען אין דעם דערציילערס רייד.

די הויפּט־טעמע פֿון אלע זייערע „קיך"־ריידערייַען איז געווען מאָסקווע, וווּ אלע דרייַ — מאראַט, אָקסאַנע און אלעקסיי — האָבן געטרוימט זיך לערנען. ווען ניט דער זיידע יערוכעם מיט זייַן דאָמינאָ און זייַנע מייַסעס וועגן דער

„אימפּעריאַליסטיטשעסקע“ און דער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָלטן זיי, דאַכט זיך, גערעדט בלויז וועגן מאָסקווע. נאָר דער זיידע איז אימשטאַנד געווען איבערייַסן מאַראַטן:

— שמענדערבעגעץ! — קיינער פון זיי האָט ניט געוווּסט, וואָס עס באַטייַט דעם זיידנס „שמענדערבעגעץ“, אָבער עס האָט געווירקט אויף זיי ווי אַ קישעף־וואָרט; אַלקאָלפאָנעם, מאַראַט פלעגט גלייַך אַנשוויגן ווערן. — מאָסקווע־שמאָסקווע. דוויגייַטיע לוטשע סטאָל[1].

אָבער ס'איז גענוג געווען דעם זיידן ערגעץ אַרויסגיין, ווי אַלץ פלעגט זיך אָנהייבן פונסנייַ. מאַראַט פלעגט שרייַען אויף אַלעקסייען, אַז יענער איז אַ נאַר, ווייַל ער קלייַבט זיך גיין אין ענערגעטישן אינסטיטוט.

— פונוואַנען האָסטו גענומען, אַז גראָד ענערגעטיק איז דער יעסאָד פון אַלצדינג? אויב דו ווילסט שוין וויסן, איז אונדזער יעסאָד לאַנדווירטשאַפט. האגאם פאַרנעמען זיך דאַרף מען מיט פיזיק, זי וועט איבערקערן אַלע דייַנע יעסוידעס.

איינמאָל האָט אַלעקסיי איבערגעריסן דעם וויקועך:

— קיין מאָסקווע וועל איך סייַווי ניט אַרייַנדרינגען. מייַנע וועלן ניט אויסציִען אַזאַ ליאַמקע.

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז אין מאָסקווע קאָן מען שטענדיק געפינען אַ פאַרדינסט, — האָט אָנגעהויבן זיך היצן מאַראַט, — און דער פאָטער דייַנער, ווען ניט די מאַשקע, וואָלט געקאָנט אויסלערנען אַפילע דרייַ זין.

— דיר איז גרינג צו רעדן, — האָט געענטפערט אַלעקסיי און מער זיך ניט געשפאַרט.

מאַראַט האָט איבערגעלעבט, געשלעפט אַלעקסייען צו אַ באַקאַנטן סטודענט, וועלכער איז געקומען אויף קאַניקולן. יענער האָט זיי פריילעך דערציילט, ווי ער מיט נאָך עטלעכע באָכערים לאָדן אויס וואַגאָנען מיט זאַמדצוקער און גייען אַרום מיט פולע קעשענעס געלט. אַלעקסיי האָט געהערט שווייַגנדיק, אָבער דערנאָך, אין דרויסן, געזאָגט מאַראַטן און עדיקן, ווען מאַראַט האָט אייַנגערעדט גיין מיט זיי ווי אַן איידעס, אַז דאָס אַלץ איז אַ קונדייסערייַ, ער דאַרף אַ גאַראַנטירט שטיקל ברויט.

---

[1] רוקט בעסער דעם טיש (רוס.).

5 ✻

אין סאָף יאָר האָט מען מאראטס פאָטער געשיקט אין א קאָמאנדירונג קיין מאָסקווע. הײַנט איז שוין שווער צו זאָגן, וועמענס אידיי איז דאָס געווען, ער זאָל נעמען מיט זיך מאראטן און אָקסאנען. דאכט זיך, די איניציאַטיוו האָט ארויסגעוויזן מאראטס מוטער.

אָקסאנע האָט עטלעכע טעג זיך ניט אנטשלאָסן פארטרויען די עלטערן דעם פּלאַן, וואָס איז געווען פאר איר ווי עפּעס א כאָלעם, א וווּנדערלעכער און גלײַכצײַטיק אן אומעגלעכער. אזוי האָט זי זיך געהאלטן ביזן סאמע איר געבורטסטאָג, פינקטלעכער, ביזן טאָג, ווען מע האָט אָפּגעמערקט איר געבורטסטאָג, ווײַל זלאטע האָט באשלאָסן רופן אלעמען ניט פרײַטיק, נאָר זונטיק. עמעס, פרײַטיק זײַנען סײַווי געקומען עטלעכע קרויווים, אָבער — אויב ניט רעכענען דעם גרויסן טעלער מיט סאלאט „אָליוויע" און א פּאָר פלעשער היימישן ווײַן — איז דאָס געווען א געוויינלעכע פאמיליען־וועטשערע.

זונטיק האָט דער זיידע יערוכעם אָנגעטאָן זײַן ארויסגאנג־אָנצוג און איז לאַנג געזעסן בא זיך אין צימער: געגרייט דעם טאָסט. א מיזיניק בא זײַנע שוין דאן באַיאָרטע עלטערן, איז יערוכעם פּאָרטיאַנסקי געוואקסן ווי א צעבאלעוועט קינד. זײַן פאָטער, א פויער פון א יידישער קאָלאָניע אפן ברעג פונעם טײַך אינגול, האָט באשלאָסן מאכן פון זײַן יערוכעלע „א מענטש". אזוי האָט יערוכעם פארענדיקט אין דער שטאָט א קאָמערץ־שול (הײַנט געפינט זיך אין דער געביידע פון דער שול דער שטאָטיפער מוזיי מיט א טשוטשעלע פון אן אומגלייבלעך ריזיקן כאזער איבמיטן דעם געוועזענעם אקטן־זאל). אָפּגעארבעט אלע יאָרן אלס בוכהאלטער, האָט יערוכעם זיך פארעכנט צווישן די היגע אינטעלעקטואלן. און בעעמעס, ווען דער זיידע יערוכעם פלעגט גיין מיט זײַן שטעקעלע אין פילהארמאָניע אף א סימפאָנישן קאָנצערט, פלעגן די פארבײַגייער קוקן אף אים אזוי, גלײַך ער וואָלט געווען א פערסאָנאזש פון ווערא כאָלאָדנאיאס סינעמאטאָגראַף.

ווען אָקסאנעס געסט האָבן זיך רוישיק צעזעצט ארום דעם טיש — כוץ מאראטן, אלעקסייען און עדיקן האָט זי אײַנגעלאדן נאָך עטלעכע קלאס־כאווערטעס — איז אופגעשטאנען דער זיידע יערוכעם.

— טײַערע געסט, — האָט ער אָנגעהויבן פײַערלעך, — מײַן װײַב און אָקסאַנעס באָבע, װאָס איז אַזױ פֿרי אַװעק פֿון אונדז, איז געװען אַ פּראָסטע דאָרפֿישע פֿרױ. װען מיר האָבן כאַסענע געהאַט און זי איז אַריבערגעפֿאָרן צו מיר אַהער, אין שטאָט, האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז זי קען קױם קײן איין רוסיש װאָרט ניט. אָבער שטעלט זיך פֿאָר, זי פֿלעגט זיך יאַקאָס צונױפֿרעדן מיט אַלע אונדזערע שכנים. און שכנים זײַנען בײַ אונדז געװען דאַן, קײן אײַנהאָרע, נײַן. אַלזאָ, איך װיל דיר, אָקסאַנע, װינטשן, דו זאָלסט שטענדיק פֿאַרשטײן דײַנע כאַװײרים, דײַנע עלטערן און אַפֿילע מיך, דײַן אַלטפֿרענקישן זײדן, — ער האָט זיך אָנגעבױגן און אַ קוש געטאָן אָקסאַנען אין שטערן.

אָקסאַנע איז געװען אין כּעס אויף אים. טאָמיד קריכט ער אומעטום מיט זײַנע „ייִדישע" מוסר־האַסקלס. זי האָט געפֿילט, אַז דער אַלטער װעט זײַן קעגן איר רײַזע קײן מאָסקװע, װעט אָנהײבן טײַנען: „אין מײַנע צײַטן" און אַזױ װײַטער.

דאָס פּאָרגעפֿיל האָט זי ניט אינטערגעפֿירט. דעם ערשטן אָנגריף האָט זי אונטערגענומען אינעם זעלבן אָװנט, װען די געסט זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. װי מע האָט געקאָנט דערװאַרטן, האָט דעם זײדנס „אין מײַנע צײַטן" געמאַכט דעם פּרוּװ צו נישט, פּינקטלעכער: זלאַטע האָט צעבראָכן אַ גרױסן טעלער פֿונעם דײַטשישן קאָבאַלט־סערװיז, מאַקסימאָװ האָט זיך געװאָרפֿן צונױפֿקלײַבן די שפּליטערס, קעדײ שפּעטער פּרוּװן זײ צונױפֿקלעפּן (כאָטש זלאַטע האָט אויף אים טראַגיש געשריִען, אַז אַ צעקלאַפּטן נאַכעס האָט נאָך קײנער ניט צונױפֿגעקלעפּט), דער זײדע האָט ציטירט עפּעס אויף פֿראַנצײזיש פֿון „מאַדאַם באָװאַרי", און אָקסאַנע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, זיך פֿאַרבאַהאַלטן אינעם װאַנע־צימער, פֿונװאַנען זי איז אַרױס, ערשט װען אין דער דירע איז געװאָרן שטיל, בלױז די מוטער האָט דעמאָנסטראַטיװ הילכיק געזױפֿט די האַרץ־טראָפּנס.

אויפֿן אַנדערן טאָג זײַנען אַלעמאָל אױסגעבראָכן „שלאַכטן פֿון אָרטיקער באַדײַטונג", נאָר זלאַטע און דער זײדע האָבן זיך געהאַלטן פֿעסט: ס'איז ניט לײַטיש, און גאָר. צום אָװנט איז צו זײ פּלוצעם געקומען מאַראַטס מוטער (דערפֿון דרינגט אַרױס די האַשאָרע, אַז זי, אײגנטלעך, האָט פֿאַרקאָכט די קאַשע). שפּעטער װעט זלאַטע דערפֿילן, אַז זי האָט געגעבן די האַסקאָמע, װי אונטער היפּנאָז. ס'האָט געװירקט אַלץ: אי דער קאַראַקולנער פֿוטער, אי דאָס אַלטצײַטיקע פֿינגערל, אי דער דופּט פֿון אַ שײנער זעלבסטזיכערער פֿרױ, אי אַפֿילע דאָס װאָרט „גענעראַל". האַקיצער, מאַראַטס מוטער האָט אײַנגערעדט

זלאטען, אז וועגן לײַטישקײַט איז ניטאָ ביכלאל וואָס צו רעדן — קסיושע (אזוי האָט זי גערופן אָקסאנען) און מאראט זײַנען נאָך קינדער. שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, אז זיי וועלן זיך אָפּשטעלן אין זייער א לײַטישער שטוב, בא איינעם א פּרײַנט, א גענעראל. דעם גענעראלס טאָכטער האָט דורכן טעלעפאָן צוגעזאָגט צו ווײַזן זיי די שטאָט.

סאָפּקאָלסאָף (כאָטש דער זיידע איז געבליבן קעגן און האָט, פּארשטייט זיך, געזאָגט זײַן „שמענדערבעגעץ") איז באשלאָסן געוואָרן, אז אזא רײַזע גייט ניט ארויס אויסער די ראַמען פֿון אָנשטענדיקייט.

אפּדערנאכט, ערעוו דעם אָפּפֿאָר, איז צו אָקסאנען געקומען אלעקסיי. אָקסאנע איז געווען אין דער „דעוויטשיא", ווי מאקסימאָוו האָט גערופן דעם צימער בא דער קיך.

— קלײַבסט זיך צונויף? — האָט געפּרעגט אלעקסיי.

— יאָ, איך קלײַב זיך צונויף. צוליב וואָס ביסטו געקומען?

— וואָס זשע, מע טאָר ניט?

— פּארוואָס? זיך, אויב דו ווילסט וויסן, וואָס איך נעם מיט זיך קיין מאָסקווע.

אָקסאנע האָט ארויסגענומען פֿונעם שיפאָניער דאָס נײַע גרינע וואָלענע קלייד און האָט עס זאָרגפֿעליק צונויפגעלייגט, קעדיי עס זאָל ארײַנגיין אין טשעמאָדאָן. אלעקסיי האָט זיך דערמאָנט, ווי אָקסאנע איז שוין געווען אין דעם דאָזיקן קלייד אפֿן שול־אָוונט, געווידמעט דעם טאָג פֿון קאָנסטיטוציע.

— איך בין געקומען, אָקסאנע, קעדיי איבערעדן מיט דיר.

— רעד. אָבער פּרוּוו העלפֿן מיר פֿארמאכן דעם טשעמאָדאַן.

אלעקסיי האָט אָנגעקוועטשט פֿון אויבן אף דער פֿיבערנע פֿונעם טשעמאָדאַן, און אָקסאנע האָט פֿונעם ערשטן פּרווו באוויזן א ליאזגע טאָן מיט די שלעסער.

זיי זײַנען געזעסן אף די בענקלעך בא דעם טיש, אף וועלכן ס'איז געלעגן דער טשעמאָדאַן.

— אָקסאנע, דו ווייסט, ווי איך באַצי זיך צו דיר?

— לעמאָשל, יאָ. וואָס ווײַטער?

— ווײַבאלד אזוי, פֿארוואָס פֿארסטו מיט מאראטן?

— ערשטנס, דו רופֿסט דאָך מיך ניט. כוץ דעם, וואָס איז דאָ אזוינס? דו ביסט מאמעש ווי דער זיידע. איך פֿאָר דאָך ניט, קעדיי ווערן פֿארהייראַטעט אין דעם יעלאָכאָווער קלויסטער. כ'וויל א קוק טאָן אף מאָסקווע.

— אָבער דו קלײַבסט זיך כאַסענע האָבן.

— אויב אפילע איך קלײַב זיך, איז וואָס?
— דו האָסט שוין פעסט באַשלאָסן?
זי האָט זיך צעלאַכט:
— דו ביסט, ליאָשקע, א נאַר. מיר דאַרפן נאָך א האַלב יאָר זיך לערנען אין שול. און הער אוף דרייען דעם טישטעך. מיר קלײַבן זיך דערווײַל אים ניט אַרויסוואַרפן.
אַלעקסיי האָט אויסגעגלײַכט די פרענדזלעך, וואָס ער האָט פאַרפלאָכטן אין עטלעכע צעפּעלעך.
— און פאַר מיר ווילסטו ניט כאַסענע האָבן?
— ניין.
— פאַרוואָס?
— פּאָשעט. איך וויל ניט, און גאָר. א נאַפּקעמינע? כ'האָב דיך ניט ליב.
— אָבער פריער האָסטו זיך געכאַוועדעט מיט מיר, — אַלעקסיי האָט פאַרפלאָכטן א ביי צעפּעלע.
— כ'האָב זיך ניט געכאַוועדעט מיט דיר. מיר פלעגן פּאָשעט צוזאַמען גיין אין שול.
אַלעקסיי איז אופגעשטאַנען און האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אפן אָנלען פונעם בענקל, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געקליבן עס אַרײַנקוועטשן אין דיל.
— אָקסאַנע, איך וויל, דו זאָלסט כאַסענע האָבן פאַר מיר.
— ווען? מאַמעש הײַנט? — זי האָט זיך ווידעראַמאָל צעלאַכט.
— פאַרוואָס הײַנט? נאָך דעם, ווי מיר וועלן פאַרענדיקן די שול.
— דעמלט וועל איך אוועקפאָרן קיין מאָסקווע.
— כ'וועל דאָך אויך פאָרן אַהין.
— אין ערגעץ וועסטו ניט פאָרן, — זי האָט דאָס געזאָגט האַרט, אין טאָן פון וואַלענטינע פּעטראָווונע, — דו ווייסט וועגן דעם אַליין.
— דערפאַר האָסטו אויסגעקליבן מאַראַטן?
אָקסאַנע איז אופגעשטאַנען.
— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? בא אונדז מיט מאַראַטן איז א ליבע. פאַרשטייסט? א ליבע! — די לעצטע ווערטער האָט זי גימאַט אויסגעשריגן.
— און אויב איך וועל פונדעסטוועגן פאָרן קיין מאָסקווע?
— וועסטו זײַן א מאָלאָדיעץ. און איצט גיי, איך וויל שוין שלאָפן.

6

— װעגן דעם בריװ איז באַװוּסט געװאָרן, װען מע האָט אַלעקסייען צוזאַמען מיטן פֿאָטער אַרױסגערופֿן אין דער שול.

װאַלענטינע פּעטראָװנע האָט געגעבן דעם פֿאָטער, אַ בײַזן פֿון געצװוּנגענער ביכטערקײַט, איבערלייענען דעם בריװ, װאָס אַלעקסיי האָט אָנגעשריבן צו דעם ערשטן סעקרעטאַר פֿונעם צק פֿון קאָמיוג. אַלעקסיי האָט געשריבן, אַז דער פֿאָטער איז בײַ אים אַ שיכּור, פֿאַרטרינקט אַלצדינג, אַז ער, אַלעקסיי, װיל זיך לערנען אין מאָסקװע, אָבער ער װייסט ניט, צי װעט ער קענען אַליין אױסהאַלטן די הוצאָות, און ער בעט װעגן דעם אַן אײצע באַם ערשטן סעקרעטאַר. צו דעם בריװ איז געװען צוגעלייגט דער ענטפֿער, װו דער ערשטער סעקרעטאַר האָט געגעבן דעם פּעדאַגאָגישן קאָלעקטיװ פֿון דער שול און די קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע העלפֿן אַלעקסייען, װײַל ס'איז שװער פֿונדערװײַטנס אונטערקלײַבן אַן אײצע פֿאַר אַ מענטשן, װעלכן ער װייסט ניט. כּוץ דעם, איז געװען אָנגעשריבן, אַז ער, דער ערשטער סעקרעטאַר, האָט אױך אַלעקסייען געענטפֿערט, זאָל יענער, אױב ער װעט טאַקע פֿאָרן קיין מאָסקװע, אַרײַנגיין אין צק, און זיי װעלן אים אומבאַדינגט העלפֿן.

— דעם בריװ האָסטו באַקומען? — האָט װאַלענטינע פּעטראָװנע געפֿרעגט בײַ אַלעקסייען.

— יאָ, — אַלעקסיי איז געזעסן און געקוקט אין פֿענצטער. „יאָ" האָט ער אױך געזאָגט ניט צו דער לערערן, נאָר צום פֿענצטער, גלײַך װי ניט זי, נאָר עמעצער פֿון דרױסן האָט גערעדט מיט אים.

— נו, װאָס װעלן מיר איצט טאָן? — װאַלענטינע פּעטראָװנע האָט זיך צוריקגעװאָרפֿן צו דער װאַנט מיט אַ גרױסן פּאָרטרעט פֿון מאַקאַרענקאָ.

די בײדע אָריאָלן האָבן געשװיגן.

— איר פֿאַרשטײט כאָטש, װאָס ער האָט אָנגעאַרבעט? — װאַלענטינע פּעטראָװנע האָט אױפֿגעהױבן מיט בײדע הענט אַלעקסייס בריװ און מיט כּאַס אַ װאָרף געטאָן אױפֿן טיש. — עפּעס אַ װערטיכאָװאָסטקע פֿליט קיין מאָסקװע, װײַל אונדזערע רעסטאָראַנען שטײען איר ניט אָן, און דו, איבער אַזאַ גאָרנישט, פֿאַרפֿלעקסט די גאַנצע שול. אײַך, פּיאָטער װאַסיליעװיטש, האָב איך אַרױסגערופֿן בלױז צוליב דעם, איר זאָלט װיסן, אַלס דער פֿאָטער, װעגן אײַער זונס נאַריש־

קיַיטן. מיטן איניען וועט זיך פאַרנעמען די קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע. זאָל די יוגנט שוין אַליין באַשליסן, וואָס אַזאַ מין קאָמסאָמאָלעץ פאַרדינט.

דער פּאָטער האָט עטלעכע מאָל אַ רײַב געטאָן זײַן ליסינע.

— און וואָס האָט ער אַזוינס אָנגעאַרבעט? — האָט ער פּלוצעם געפרעגט בײַ וואַלענטינע פּעטראָווגען, — דאַכט זיך, קיינעם ניט געהאַרגעט, ניט באַראַ־בעוועט.

— אײַך איז ווייניק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַזאַ מין כוצפּעדיקן בריוו? — איז אויפגעבראַכט געוואָרן וואַלענטינע פּעטראָווגע.

— קיינעם האָט ער ניט באַליידיקט, — אַלעקסיי האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטאָן אויפן פּאָטער. ער איז געווען צוגעוווינט, אַז דער פּאָטער מורמלט בעטעווע עפּעס אומדײַטלעכס, — פאַרשרײַבט זיך אויפן שטערן. דעם זון מײַנעם טשעפּעט ניט, אַנדערש וועל איך אַליין פאָרן קיין מאָסקווע און דערציילן, ווער ס׳האָט זיך דאָ געפונען אַ מאָקעם־מיקלעט. מע האָט דאָך אײַך דײַטלעך אָנגעשריבן — העלפן. און וואָס טוט איר? — פּיאָטער האָט זיך אויפגעהויבן, — קום, אַלעקסיי.

וואַלענטינע פּעטראָווגע האָט אָבער באַוויזן צו דערלאַנגען איבערן טיש פּיאָטערס פּלייצע און אָוועקזעצן אים אויפן בענקל.

— פּיאָטער וואַסיליעוויטש, איר האָט מיך מיסטאָמע ניט פאַרשטאַנען און אָנגעהויבן גלײַך צו טומלען. אַלעקסיי האָט דאָך געקאָנט צוגיין צו אונדז, זיך טיילן מיט זײַנע שוועריקײַטן. צו וואָס דאַרף מען גלײַך שרײַבן אין צק? מיר קאָנען דאָך אַליין אויך עפּעס צוטראַכטן, אים העלפן.

— אָט אַזוי איז שוין בעסער, — האָט זיך עטוואָס באַרויִקט פּיאָטער, — אַנדערש באַקומט זיך, דער יאַט וויל קיין מאָסקווע, אין אינסטיטוט, און איר באַלד — דער קאָמיוג וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן.

...אויף דער אַרבעט איז שוין פּיאָטער ניט אַוועק, ער האָט פאַרקערעוועט גלײַך צו דער פּוסטקע.

אַלעקסיי האָט פּוסטעפּאַסעוועט איבער די גאַסן. באַם וואָקזאַל איז ער אַרײַן אין אַן ענג ביכער־קלייטל, ווו אַ דריטל פון דער סטאַיקע האָט פאַרנומען אַ ריזי־קער שרײַב־קאָמפּלעקט מיט אַ בראָנזענעם פערד. ער האָט לאַנג געמישט די זײַט־לעך פון „איוואַנגאָ״, ביז אַ יונגע פאַרקויפערן האָט אים ניט געזאָגט, אַז בײַ זיי איז אַ קלייט און ניט קיין לייענזאַל. אַלעקסיי האָט אָוועקגעלייגט דעם בוך און איז אַרויס אויף דער פאַרשנייטער גאַס.

7

אין יול זײַנען מאַראַט און אָקסאַנע אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. צו דער צײַט האָט זיך אַלעקסיי שוין אײַנגאַנצן פֿון זיי אָפּגעריסן מיט דער צענטריפֿוגאַלער קראַפֿט פֿון דער דרײַ־אומבײַטיקער זאַוואָד־קאַרוסעל.

מאַקסימאָוו האָט פֿאַרגעלייגט, ער זאָל זיך אײַנאָרדענען צו אים, אין ענערגאָ־צעך, וווּ מע קאָן זיך גרייטן צו די עקזאַמענעס אַפֿילו בײַם דער אַרבעט. אָבער אַלעקסיי האָט אויסגעקליבן דעם מאַרטען־צעך. דאָרט האָט ער געאַרבעט ביזן סאַמע פּריזיוו.

קימאַט אַ העמשעך

(עפּילאָג)

עדיק האָט זיך שוין לאַנג געקליבן אָפּגעבן פֿלעשער. מע טרינקט, דאַכט זיך, קימאַט ניט, סײַדן אויף סימכעס, אָבער פֿאַר אַ יאָר האָבן זיך אָנגעקליבן צוויי שווערע נעץ־קוישלעך.

אויפֿן גאַנעק פֿונעם אופֿנאַם־פּונקט האָט געהאַלטן אַ דראָשע עפּעס אַ מאַנצבל אין אַ גרויען מאַנטל. „ווי אויף אַ מיטינג", — האָט אַ טראַכט געטאָן עדיק, קוקנדיק, ווי דער אָראַטאָר פֿאָכט מיט דער רעכטער האַנט אין טאַקט צו זײַנע ווערטער. לעכאַטכילע האָט זיך עדיק ניט צוגעהערט צו דער דראָשע, געפּרוווט אויסרעכענען, וויפֿל ער וועט אָפּשטיין דאָ, אויפֿן פּראָסט. די אויסגערעכנטע פּערספּעקטיוו האָט אים שיִער ניט אַרויסגעבראַכט פֿון גלײַכגעוויכט, און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּוועגדן פֿון די געדאַנקען.

דער מאַנצבל אויפֿן גאַנעק האָט פּונקט גערעדט וועגן דעם מאַנגל פֿון מעטאַל, וואָס עס גיט זיך צו וויסן אין אַלע אָפּצווײַגן פֿון דער עקאָנאָמיק. דערנאָך האָט ער גיך געמאַכט טיל־טעל פֿון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט, פֿון די אינסטיטוטן מיט די אוניווערסיטעטן, זיך דורכגעפֿאָרן איבער דער מאָראַלישער פֿיזיאָנאָמיע פֿון די אָנפֿירער אין זײַן רעמאָנט־צעך און איז אומבאַמערקט איבערגעגאַנגען צו דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס אַ פּראָסטער מענטש קאָן ניט נאָך דער אַרבעט קויפֿן אַ פֿלעשל „רויטינקן". לויט די היפּשע און פֿעסטע שטריכן, מיט וועלכע ס'האָט זיך געמאָלט דאָס בילד פֿון אַזאַ מין טרויעריק

אומאַלקאַהאָלישן אָפּרו, האָט מען געקאָנט גלייַך דערפילן די האַנט פון א קעַ־נער. אָבער דאָס בילד איז געבליבן ניט דערשריבן: דער מאַנצבל האָט איינמיטן די רייד אונטערגעכאַפּט זיין רוקזאַק און איז נעלעם געוואָרן הינטער דער טיר פון א שמאָל צימערל, ווו מע גיט אָפּ די גלעזערנע טאַרע.

די רייַ האָט זיך כאַאָטיש א ריר געטאָן מיט בראַזגען פון איבערגעשלעפּטע אף א נייַער גרענעץ־ליניע פלעשער.

— מע פּרוּווט אונדז איינעמען דורך פּראָסט, — האָט מיט קאַס א בורטשע געטאָן דער קאַפּיטאַן־פּליִער, וואָס איז געשטאַנען פאַר עדיקן.

— וואָס מיינט איר?

— פונעם הויף קאָן מען די פלעשער אָפּגעבן אין איין אויגנבליק. וועל־וועלער, פאַרשטייט זיך. לאָמיר עפּשער זיך אויך לאָזן? פאַרברענט זאָלן זיי ווערן!

„פאַרברענט זאָלן זיי ווערן", — איז מיט אים מאַסקים געווען עדיק. ער האָט אונטערגעכאַפּט זיינע נעץ־קוישלעך און זיך א לאָז געטאָן נאָכן בייזן קאַפּי־טאַן דורכן לאַבירינט פון פאַרשיידענע קאַסטנס.

אף א גרויסן קאַסטן אין צענטער פון דער פּאָדסאָבקע[1] איז געזעסן א יאַט מיט ביינער אין א בלאָוון כאַלאַט. עס האָט זיך גלייַך געפילט, אַז ער איז דאָ דער עלטסטער. נאָך צוויי שוטפים האָבן שווייַגנדיק געסאָרטעוועט די פלעשער.

— ווי טייַער נעמט איר צו? — האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן.

— דאָ איז ניט קיין מאַרק, — האָט אים שטרענג געענטפערט דער יאַט מיט ביינער, — שטעל ארויס. ווען ניט כאַראָטע האָבן.

עדיק האָט אויך ארויסגעשלעפּט זיינע פלעשער אפן שמוציקן קאַכל־דיל אין א קאָלאָנע צו פיר, פאַרבאַהאַלטן אין קעשענע די נעץ־קוישלעך און איז צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס, ווי ער האָט פאַר זיך אָנגערופן דעם יאַט מיט ביינער.

— רעכנט אונטער.

דער באַלעבאָס האָט א קוק געטאָן אף דער אויסגעפאָרמירטער גרינער קאָ־לאָנע, דערנאָך אויפמערקזאַם באַטראַכט עדיקן און געפרעגט:

— פריִער האָבן מיר זיך מיט אייַך קיינמאָל ניט באַגעגנט?

„וואָס טשעפּעט ער זיך צו מיר, ווי צו א מיידל", — האָט א טראַכט געטאָן עדיק און איז אָפּגעקומען מיט א וויץ:

[1] א באַהילפיקער לאָקאַל אין קלייט (רוס.).

— דאכט זיך, אין איין קאדעטן־קאָרפּוס האָבן מיר זיך ניט געלערנט.

— אָט איצט האָב איך דיך דערקענט! ווי דו האָסט נאָר א שמייכל געטאָן, האָב איך דיך גלייך דערקענט! — דער יאט איז אראָפּגעשפּרונגען פון זיין קיסע־האמאלקעס. מיט דער רעכטער האנט האָט ער אָנגעהויבן ארויסשלעפּן עדיקס שמאָלע דלאָניע פונעם ארבל, און מיט דער לינקער האנט האָט ער מעטאָדיש און גענוג שמערצלעך געקלאפּט איבער זיין פּלייצע, — איך בין פּאַשעט א שפּור־פּאָרשער! מיט אזא באָרד! מאמעש יעפּים מאָיסייעוויטש.

עדיק האָט אפילע ניט גלייך פארשטאנען, אז דער יאט רעדט וועגן דעם זיידן יערוכעם. און יענער האָט דערווייל נאָכאמאָל א קלאפּ געטאָן עדיקן איבער דער פּלייצע:

— נו, וואָס, דערקענסט מיך ניט?

— אלעקסיי? — האָט ניט זיכער געפרעגט עדיק.

— ענדלעך! — האָט זיך דערפרייט דער יאט, — אָט דאָס איז, כאווער, א באגעגעניש! מע דארף זי גלייך באשפּריצן. ווארט אָפּ, כ'וועל זיך נאָר איבער־טאָן אין ציווילער.

עדיק האָט ניט ליב געהאט „באשפּריצן", אָבער זיך שפּארן אין אזעלכע פאלן פלעגט ער ניט האָבן קיין האָזע. הייַנט איז ער אויך אָן טארומעס אוועק מיט אלעקסייען צו דעם גלעזערנעם קוב, וואָס מע האָט ניט לאנג צוריק אויס־געבויט צווישן א קינאָ־טעאטער און א גרויסן אוניווערסאם. אפן ערשטן שטאָק פונעם קוב האָט זיך איינגעאָרדנט א קולינאר־אָפּטייל מיט זיינע האלב־הונגעריקע סטאָיקעס, פּארביַי וועלכע אלעקסיי האָט דורכגעפירט עדיקן אפן צווייטן שטאָק, אין רעסטאָראן.

— איז וויפל יאָר האָבן מיר זיך ניט געזען? — האָט זיך אלעקסיי אומגע־קערט צו עדיקן, ווען די אָפיציאנטקע איז אוועק פון זיי.

— א סאך. פון דעמלט אָן, ווען דו ביסט אוועק אין דער ארמיי.

— יאָ, מיר זיינען נאָך דעמלט אָפּגעזעסן מיט דיר א גאנצע נאכט אפן וואָקזאל, געדענקסט? — עדיק האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף „יאָ". — און דו, די מוטער האָט מיר דערציילט, אווטאָמאטיזירסט. אלץ נאָכאנאנד? אָדער אזוי ווי מאקסימאָוו — נאָר די מעטאלורגיע?

— אלץ נאָכאנאנד, — האָט א שמייכל געטאָן עדיק.

— נו, און ווי גייט עס?

די אָפיציאנטקע האָט געבראכט א פלעשל קאָניאק, עטלעכע טעלער מיט פּארבייסעכץ און אריבערגעשטעלט פון אן אנדערן טיש צוויי קעלישקעס.

— וואָס קאָן איך דיר זאָגן? מע דאַרף פריִער ברענגען אין אָרדענונג אַלץ, וואָס מע קאָן אָן אויטאָמאַטיזאַציע. און אַנדערש... מע פּאַטערט גאַנץ אָפּט אַזויפיל געלט צוליב אַ פּייגעלע, אַבי אויטאָמאַטיזירן.

— מיילע, לעב ניט איבער, — אַלעקסיי האָט אָנגעגאָסן קאָניאַק, — זײַ געזונט, אָדער, ווי ס'פלעגט זאָגן דײַן זיידע, פאַר כּעַס.

— נאָכעס, — איז געפאַלן אָפּן סייכל עדיק.

— יאָ, נאָכעס, — אַלעקסיי האָט פלינק „איבערגעקערט" אין זיך זײַן קע־לישעק. — דו, זע איך, ביסט ניט קיין ליבהאָבער. און איך, כאָטש, בין געווען אַ גרויסער ליבהאָבער, — דאָס וואָרט „גרויסער" האָט ער געצויגן, קימאַט דורכגע־זונגען. — דאַנקען גאָט, דערווײַל נאָך ניט געוואָרן קיין פּראָפעסיאָנאַל. כאָטש, ווער ווייסט, עפּשער וועלן זיך נאָך בא מיר צעשפּילן די גענעס. דו געדענקסט מײַן פאָטער?

עדיק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דו ביסט שוין פון לאַנג אין דער שטאָט? — ער האָט געפרעגט, צע־רײַסנדיק מיט זײַן שטימפּיקן מעסער אַ שטיק פיש פון עפּעס אַ גרויסאַרטיקן אָפּשטאַם.

— שוין מער פון אַ יאָר. נאָך דעם, ווי די מוטער האָט כאַסענע געהאַט, בין איך גלײַך אַריבערגעפאָרן אַהער. דו ביסט אין קורס, אַז איך האָב צוגענומען די מוטער צו זיך נאָכן פאָטערס טויט?

— יאָ. מאַקסימאָוו האָט מיר דערציילט.

— מאַקסימאָוו, מאַקסימאָוו, — אַלעקסיי האָט לײַכט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש. — וועגן מײַן כאַסענע האָט ער דיר אויך מיסטאָמע דער־ציילט? — ער האָט זיך מיטאַמאָל פאַרקרימט, ווי פון אַ שאַרפן ווייטיק, — וועגן דער ברויטגעבערקע מײַנער.

— ניין, וועגן דײַן ווײַב ווייס איך גאָרניט. דאָס האָט זי דיך אַזוי אויס־געהאָדעוועט?

— יאָ, — ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין בויך, — איצט איז נאָך ניש־קאָשע. קאַלזמאַן איך האָב לעבן איר קליידל געריבּט, האָט זי מיך אַזוי אויסגע־האָדעוועט, אַז מע האָט שוין בא מיר קימאַט די אויגן ניט געזען. אָט אַזוי, — ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן און פאַרזשמורעט די אויגן. — אין דער שטאָט האָט זי קאָמאַנדעוועט מיט אַ פלייש־קראָם. גלײַך אַנטקעגן מײַן קאַזאַרמע. שטעל זיך פאָר! אויף דער סטאָיקע פאַרקויפט מען פאַרשיידענע טינויפעס, ווי פון אַ געפיי־

גערטן קראָקאָדיל. אָבער פאר מיר — זאָרג זיך ניט, אלץ איז געווען אזוי ווי מע דארף.

— וואָס זשע ביסטו אנטלאָפן פון אזא מין אכילע?

— א, ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי, אָט די גאנעווטע, האָט פײַנט פעטע, — אלעקסיי האָט זיך צעלאכט, — פריער, פארשטייסטו, האָדעוועט זי אויס, און דערנאָך זאָגט זי: „עפּעס ביסטו, ליאָשענקע, א שווערער געוואָרן. איך האָב מוירע זיך אפילע מיט דיר אין בעט לייגן, אזא בוהיי ביסטו!" און לאכט, זאראזע. און איך לאך אויך, ווי א טיפּעש. לאך איך אָט אזוי מיט איר, ביז מע דערציילט, אז זי האָדעוועט שוין אן אנדערן, א מאָגערן. א כאווער האָט מיר וועגן דעם דערציילט.

עדיק האָט אופגעגעסן ביזן סאָף דעם אדלשטאמיקן פיש און געדרייט זײַן מעסער, אונטערזוכנדיק פאר אים אן אָרט, סימעטריש צו דער טאץ אפן טישטעך.

— אף דער הייסער מינוט האָב איך דעם כאווער, פארשטייט זיך, אָנגעריבן די מאָרדע, — אלעקסיי האָט פּאוואָליע א פיר געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש, גלײַך ווי צעשמירנדיק עפּעס אומאָנזעעוודיקס ארום דעם אשבעכער פון דיקן גרינעם גלאָז. — גלײַך אף דער אווטאָבאזע האָב איך אים צעמיימעסט. די ברויט־געבערקע מײַנע האָט מיך באשטאט אף דער באזע נאָך דער דעמאָביליזאציע. אויסגעפּוצט האָב איך אים די מאָרדע, זיך אוועקגעזעצט אין מאשין און — אהיים. כאפּ איך דאָרט די מוטער, די בעבעכעס מײַנע און פיר זי אריבער צו איינער א באקאנטער באבקע. אזוי האָבן מיר בא איר געווינט ביז די מוטער האָט פאר זיך געפונען איינעם א זאָקן.

עטלעכע ווײַלעס זײַנען זיי געזעסן שווײַגנדיק.

— און ווו וווינסטו דאָ? — האָט געפרעגט עדיק.

— דאָ האָב איך, עדיק, כאסענע געהאט. א גוט ווײַבל, א שטילע. אָבער דו ווייסט, — אלעקסיי האָט זיך פארקרימט, — א מיעסקײַט. יענע, די נעקייווע, איז א שיינע געווען. כ'האָב זיך שוין געקליבן אנטלויפן. און איצט, פארשטייסטו, האָב איך זיך אפילע ארײַנגעצויגן, ס'געפעלט מיר. — ער האָט זיך צעלאכט. — א זון איז בא אונדז געבוירן געוואָרן. כ'האָב אים אָנגערופן נאָכן פאָטער, פיאָטער. באלד וועל איך דיר ווײַזן זײַן פאָטאָגראפיע.

ער האָט א פּאָר מאָל איבערגענישטערט אלע זײַנע קעשענעס.

— א שאָד, כ'האָב זי מיסטאמע ארויסגעלייגט, — ער איז בעפיירעש צערודערט געוואָרן. — פארשטייסט, אָט דער זון מײַנער האָט אלץ איבערגעקערט, — אלעקסיי האָט א שמייכל געטאָן. — שטעל זיך פאָר, כוץ מיר, אנערקענט ער

קיינעם ניט. א באָכער — וואָס מע דאַרף. — ער האָט אָפּגעבראָכן א שטיקל ברויט און צונויפגעקאַטשעט א קײַקעלע. — איצט בין איך, עדיק, זיכער, אז קיין שיקער וועל איך ניט ווערן, אזוי, ווי מיט דיר, אויסטרינקען, דאָס — ביטע, אָבער שי־קערן, ווי מײַן באַטיא? ניין. און דו ווייסט פאַרוואָס? — ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו עדיקן. — ווײַל איך ווייס, וואָס דאָס איז אזוינס, ווען מע נאַרט דיך אָפּ, און דו ביסט נאָך א גאַרנישט, א שטיקל ליים, — ער האָט צעקוועטשט דאָס ברויט־קײַקעלע. — ניין, כ׳וועל אים ניט אָפּנאַרן. דו דאַרפסט אַרײַנגיין צו מיר. וועסט א קוק טאָן. כ׳האָב שוין פאַר אים אָנגעקויפט אזויפיל ביכער — א גאַנצע לענינקע. דאָס ווײַב אַרבעט דאָך בא מיר אין א ביכער־קראָם. זי איז פון דײַנע, א ייִדישקע. און דײַנע? אויך אויטאָמאַטיזירט עפּעס?

— אויך. מיר האָבן זיך מיט איר געלערנט אַף איין פאַקולטעט.

— לאָמיר עפּשער אַרײַנגיין צו מיר, — האָט פאַרגעלייגט אַלעקסיי, — איך וווין דאָ ניט ווײַט. מע קאָן בא מיר פאַרזעצן, — ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיטן פינגער איבער זײַן קעלישעק.

— אַן אַנדערש מאָל. כ׳האָב צוגעזאָגט דער מוטער אַרײַנפאָרן צו איר.

— זאָל זײַן אזוי, — ער האָט פאַרבאַהאַלטן דעם פאַרדראָס, — מע דאַרף שוין גיין. א טעלעפאָן האָסטו?

— ניין.

— וואָסי, אזוי שוואַך?

— ניטאָ קיין פרײַע נומערן. די שוויגער האָט געפונען עפּעס א באַקאַנט־שאַפט, אָבער מע בעט זייער טײַער. כ׳פאַרדין ניט אזויפיל.

— ס׳הייסט, אז דו אַרבעטסט פּאָשעט שלעכט, — האָט ערנסט געזאָגט אַלעקסיי און צוגערופן די אָפיציאַנטקע. — פאַרבאַהאַלט, — ער האָט אָפּגערוקט דאָס צענערל, וואָס עדיק האָט אַרויסגעלייגט ווי זײַן כיילעק, — איך האָב דיך אהער פאַרשלעפּט. צו דעם איז דאָך בא אונדז ווי אין די אַנעקדאָטן — א רײַכער אַמהאָרעץ און אַן אָרעמער אינזשעניער.

— ווי דו ווילסט. אָבער קיין אָרעמער בין איך ניט.

אין דרויסן האָט אַלעקסיי פּלוצעם געפרעגט:

— מאַקסימאָוו לעבט נאָך?

— יאָ. אָבער זיי זײַנען אַלע אַריבערגעפאָרן קיין נאָוואָסיבירסק. מאַראַט איז דאָך דאָרט געוואָרן...

— נו, זײַ געזונט, — אַלעקסיי האָט האַסטיק א דריק געטאָן עדיקס האַנט און איז אוועק צו די נײַע בײַנשטאָקיקע הײַזער.

אין א בעדאַרקע

(אַן אויסגעדראָשענע נאָסטאַלגישע מײַסע פֿונעם פּאַרמילכאָמעדיקן אָוואַר, וועגן מענטשן, וואָס זײַנען שוין לאַנג ניטאָ אויף דער וועלט)

אויף דער סטאַנציע האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף אַ מינוט. יעדנ־פֿאַלס, גלײַך נאָך דעם, ווי פֿונעם לעצטן וואַגאָן איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגער מיליטערמאַן מיט פּעטליצעס און צייכנס פֿון אַ באַטאַליאָן־קאָמיסאַר, האָט דער מאַשיניסט גלײַך ווי פֿאַרלאָרן דעם אינטערעס צו דער סטאַנציע און אַ לאָז געטאָן דעם לאָקאָמאָטיוו ווײַטער, קיין דאָנבאַס.

דער קאָמיסאַר האָט זיך אַרומגעקוקט, באַמערקט אויפֿן פּעראָן אַ מיליציאָנער און זיך אָנגעפֿרעגט, וויאַזוי זיך דערקלײַבן צו דער קאָלאָניע.

— איר ווייסט, כאַווער קאָמיסאַר, אַהין וועט באַלד פֿאָרן אַ בעדאַרקע מיט דער פּאָטשט. קומט, כ׳וועל אײַך ווײַזן.

דער מיליציאָנער איז אינאיינעם מיטן קאָמיסאַר צוגעגאַנגען צו דער בעדאַרקע. דאָס פֿערד, אײַנגאַנצן פֿאַרשפּריצט מיט ברוינער וועג־בלאָטע, איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי אַן אויסגעגראָבענע פֿון דער ערד און נאָך ניט אָפּגעוואַשענע סטאַטוע. פּלוצעם איז עס לעבעדיק געוואָרן און אָנגעהויבן דרייען מיטן קאָפּ, דערזעענדיק אַ מאַנצבל, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער טיר, אויף וועלכער ס׳איז מיט אָפּגעבליאַקעוועטע אותיות געווען אָנגעשריבן אויף אוקראַי־

ניש „פּאַשטאָ". דער מאַנצבל האָט אוועקגעלייגט אין דער בעדאַרקע א זאַק און א בורטשע געטאָן צום מיליציאָנער אף ייִדיש:

— וואָס טוסטו דאָ, כאַפּסט גאַזלאָנים?

— שאָלעם־אַלייכעם, רעב שימען, — האָט אויך אף ייִדיש זיך געגריסט דער מיליציאָנער. פאַרן קאָמיסאַר איז דאָס געווען אומגעריכט, ווײַל בא דעם מיליציאָנער איז דאָס פּאָנעם ניט קיין ייִדישס. — כאַוועך באַר, נעמט מיט זיך דעם כאַווער קאָמיסאַר. ער פאָרט צו אײַך אין דער קאָלאָניע.

דער קוטשער האָט א קוק געטאָן אפן קאָמיסאַר און ניט זייער צוגעלאָזן געענטפערט:

— איך טאָר ניט נעמען קיין זײַטיקע מענטשן. בא מיר איז די פּאָטשט...

— אָבער איך בין א מיליטערמאַן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קאָמיסאַר, — איר קאָנט רעכענען, אז איך באַגלייט אײַך. כוץ דעם, וועל איך אײַך באַצאָלן.

— ס'איז א מעלוכישע בעדאַרקע, דערפאַר האַלט דעם רובל בא זיך, — שימען איז אַרײַנגעקראָכן אין דער בעדאַרקע, — זעצט זיך אויך אַרײַן, כאַווער. לאָמיך טאַקע פאָרן מיט א קאָנוואָי...

דער קאָמיסאַר איז אַרײַנגעשפּרונגען אין דער בעדאַרקע און זיך אוועקגעזעצט לעבן דעם קוטשער. זיי זײַנען פאַרבײַגעפאָרן די עטלעכע ליימענע שטיבלעך, הינטער וועלכע ס'האָט זיך אָנגעהויבן א צעקלאַפּטער שליאַך. די בעדאַרקע האָט זיך געהעצקעט, און דעם קאָמיסאַר איז פון אָנהייב אָן געוואָרן ניט באַקוועם דאָס פאָרן.

— כאַווער באַר, ווי לאַנג וועלן מיר זײַן אונטערוועגס? — האָט געפרעגט דער קאָמיסאַר. ער האָט שוין באַוויזן באַטראַכטן דעם קוטשער — א געלבערדיקן ייִדן פון א יאָר פינף און פופציק. אָנגעטאָן איז שימען געווען אין א וואַטניק, אין געוואַנטענע הויזן, אַרײַנגעלאָזטע אין די שטיוול, און אין א היטל.

— א פּאָר שאָ געוויס. איר זעט דאָך, וואָס פאַר א בלאָטע. איצט איז נאָך נישקאָשע. מיט א וואָך צוריק זײַנען מיר קימאַט אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער וועלט. — שימען האָט געשוויגן א ווײַלע און דערנאָך צוגעגעבן, — ווען ס'איז טרוקן, קאָן מען זיך דערקלײַבן פאַר א שאָ צײַט, — און א שמייכל געטאָן צו זיך אליין, — אָבער דעמלט וועט זיך פאָדערן א שאָ אף צו אויסניסן דעם שטויב...

דאָס אַלץ האָט דער קוטשער געזאָגט, ניט קוקנדיק אפֿן קאָמיסאַר. נאָך א ווײַלע זײַנען זיי געפֿאָרן שווײַגנדיק. פּלוצעם האָט שימען א פֿרעג געטאָן:

— כאָטש ער קאָמיסאַר, איך פֿאַרשטיי, אַז קעדיי באַקומען אַזעלכע פּעטליצעס, דאַרף מען אָפּדינען לענגערע יאָרן. און דאָך אף ייִדיש רעדט איר פֿײַן, כאָטש א סאַך ווערטער רעדט איר אַרויס אַזוי ווי די טשיקמײַערס.

— וואָס איז דאָס אַזוינס — טשיקמײַערס?

— עס דאַרף אײַך זײַן באַוווּסט, אַז די היגע קאָלאָניסטן רעדן אף ליט־ווישן ייִדיש, וואָרעם נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק איז מײַן זיידעס געקומען אַהער פֿון ליטע. און אַזוי איז מיט די אַלע אַלטע קאָלאָניסטן. און אין די נײַע קאָלאָניעס, אין די, וועלכע מע האָט אויסגעבויט ניט לאַנג צוריק, זײַנען שוין געקומען ייִדן פֿון די געגנטן לעם פּוילן. רעדן זיי אַנדערש. אָט האָבן אונדזערע לייצים צוגעטראַכט פֿאַר זיי א נאָמען.

— אָבער פֿאַרוואָס טאַקע... ווי רופֿט איר זיי אָן? איך האָב שוין פֿאַרגעסן.

— די טשיקמײַערס. איציק איז בא זיי איטשיק און מייער איז מײַער. איטשיק און מײַער — באַקומט זיך טשיקמײַער, — און שימען האָט זיך אַליין צעלאַכט פֿון דער אומדערוואַרטער ווערטער־שפּיל.

שימען האָט געשוויגן א ווײַלע און דערנאָך ניט אויסגעהאַלטן:

— זײַט מיר מוחל, אָבער מיט וואָס פֿאַרנעמט איר זיך אין דער אַרמיי?

— איך בין א זשורנאַליסט.

— עפּעס א שטיקל שרײַבער?

— יאָ, טאַקע א שטיקל, — האָט א שמייכל געטאָן דער קאָמיסאַר.

— אָבער שרײַבן שרײַבט איר מיסטאַמע אף ייִדיש?

— ניין, אף רוסיש. איך אַרבעט אין די אַרמייִשע צײַטונגען. אף ייִדיש גייען אַרויס אַנדערע אויסגאַבעס. איר לייענט זיי אַוואַדע...

— איכ׳ל אײַך זאָגן דעם עמעס, — האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט שימען, — איך לייען ניט די צײַטונגען, כאָטש קימאַט אַלע טאָג, ווי הײַנט, פֿיר איך די פּאָטשט פֿון דער סטאַנציע. און שולדיק אין דעם, דאַרף איך אײַך זאָגן, איז דער מעלאַמעד מײַנער, אַלעווהאַשאָלעם, הייסט עס, כאַים־מייער. ער האָט מיך אַזוי גוט אויסגעלערנט אונטערזינגען באַם לייענען, אַז די צײַטונגען לייען איך אויך אַזוי, אונטערזינגענדיק. הייב איך אָן אונטערזינגען — קומט אף מיר אָן א שלאָף. אין כיידער פֿלעגט כאַים־מייער גלײַך מיך וועקן מיט זײַן קאַנטשיק, און דאָ ווער איך טאַקע אַנשלאָפֿן. פֿרעגט זיך, ווען דאַרף עס אַרן? פֿון שלאָפֿן איז נאָך קיינער ניט געשטאָרבן. אָבער איך האָב א כיסאָרן — איך כראָפּע. כ׳וועל

זיך ניט בארימען, אָבער בעסער פון מיר כראָפּעט דאָ קיינער ניט. לייזער, דער שאָכן מײַנער זאָגט, אז די גאנצע קאָלאָניע ווערט פּאַרציטערט, ווען איך לייג זיך אוועק שלאָפן. האקלאָל, דאָס ווײַב מײַנס לאָזט מיך ניט לייענען, וואָרעם, זאָגט זי, זי איז זאט מיט מײַנע באנאכטיקע מישעביירעכן. איך האָב שוין געבעטן אן אייצע באם אפּטייקער. ער איז בא אונדז בעסער פון אנדערע דאָקטוירים. וואָס, מיינט איר, האָט ער מיר געענטפערט? אז מע קען פּאָטער ווערן פון א קילע אָדער פון א מאקע, נאָר פון כראָפּען — דאָס ניט...

שימען איז אנשוויגן געוואָרן. דאָס פּאָנעם האָט זיך בא אים צונויפגערונצלט און איז געוואָרן קלענער, ווי פריער. א ווײַלע האָט ער עפּעס געקײַט מיט די ליפּן, דערנאָך א שפּײַ געטאָן און זיך אויסגעדרייט צום פּאסאזשיר:

— זײַט מיר, כאווער קאָמיסאר, נאָכאמאָל מויכל, אָבער צו וועמען פאָרט איר? אויב ס׳איז, כאָלילע, ניט קיין סאָד.

— בא אײַך אין דער קאָלאָניע לעבט מײַן ברודער.

— און ווי זשע הייסט ער, דער ברודער אײַערער? אויב עס איז קיין סאָד ניט...

— פאַרוואָס דאַרף אַלץ זײַן א סאָד? מע רופט אים לייב גאָלאָדנער. ס׳קאָן זײַן, אז איר ווייסט אים.

שימען האָט זיך צעלאכט:

— ס׳זעט זיך גלײַך, אז איר זײַט א שטאָטישער מענטש. ווי קען איך ניט ווייסן עמעצן ניט בלויז פון מײַן קאָלאָניע, נאָר פון די אַלע זיבעצן קאָלאָניעס אויך? ווי, פרעגט זיך, קען איך ניט ווייסן דעם כאווער גאָלאָדנער! ער איז דאָך בא אונדז דער דירעקטאָר פון דער שול.

— און איך האָב אים ניט געזען שוין אכט יאָר, זינט דעם איין־און־דרײַ־סיקסטן. דעמלט איז ער אוועקגעפאָרן אהער, גלײַך נאָכן אינסטיטוט.

— הייסט עס, אז דאָס ווײַב זײַנס און דעם זון האָט איר נאָך ניט געזען?

— פאַרשטייט זיך.

שימען האָט אונטערגעהויבן דאָס היטל, אזויווי אָפּגעגעבן עמעצן זײַן גרוס.

— יאָ, מיטן זון איז בא זיי געווען פרייליך.

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך פאַרינטערעסירט דער קאָמיסאר.

— איר פאַרשטייט, כאווער גאָלאָדנער, דער שווער בא דעם ברודער אײַערן, הייסט עס, אויב איר ווייסט ניט, מאָטל מארגוליס, איז זייער א פרומער

ייִד. פֿרומער פֿון אים איז אין דער גאַנצער קאָלאָניע נאָר יאַקאָוו קראַוועטשענקאָ, דער איינציקער גער. אָט דער מיליציאָנער, וואָס האָט אונדז באַקענט, איז דעם גערס זון...

— ווי זשע האָט אַזאַ מין פֿרומער ייִד דערלאָזט, אַז זײַן טאָכטער זאָל נעמען אַזאַ מין אַפּיקורעס, ווי דער ברודער מײַנער?

שימען האָט צוגעזשמורעט די אויגן און כיטרע אַ קוק געטאָן אויפֿן קאָמי־סאַר:

— אויב אַ מענטש איז אַ פֿרומער, הייסט עס נאָך ניט, אַז ער איז אַ נאַר. דער אייבערשטער האָט מאָטלען געשיקט זעקס טעכטער. ווי קען ער, פֿרעגט זיך, איבערקלײַבן? צו דעם איז ער נאָך אַ קאַפּצן, פֿון דאַוונען ווערט דאָך אַ מענטש רײַכער נאָר אױף יענער־וועלט. כאָטש מאָטל פֿלעגט ליב האָבן זאָגן, אַז די טעכטער זײַנען בײַ אים אַלע שיינהײַטן און מע וועט זיי צעכאַפּן פֿאַר אַ וואָך צײַט, און נאָכדעם וועט מען קומען און קלאַפּן אין די פֿענצטער און זיך נאָכפֿרעגן, צי ער האָט נאָך. אַלע האָבן אָבער געוווּסט, אַז לאַנג וועט ער ניט טראַכטן. אַזוי איז טאַקע געווען. די ערשטע איז אַראָפּ פֿונעם מאַרק די מיטלסטע — באַסיע. דער כאַוועריר גאָלאָדנער איז געווען טאַקע אַ פֿײַנער כאָסן. שטעלט זיך פֿאָר, פֿון דניעפּראָפּעטראָווסק האָט מען אים צוגעשיקט אַ וועלאָסיפּעד, אַ מאַטאָנע פֿאַר זײַן גוטער אַרבעט. אָבער איך דערצייל און דערצייל, און איר ווייסט אַלצדינג. איר און דער כאַוועריר גאָלאָדנער, אײַער ברודער, זײַנען דאָך שרײַבנדיקע מענטשן. דער ברודער שרײַבט אײַך מיסטאַמע...

— איין מאָל אין אַ פּורים. ס׳איז ניט פֿאַרפֿירט געוואָרן בײַ אונדז, מע זאָל שרײַבן בריוו.

שימען האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן קאָמיסאַר מיט פֿאַרורטיילונג.

— גוט. וועל איך אײַך דערציילן די מײַסע ווײַטער. אין אַ יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע, אַזוי ווי מע דאַרף, באַקומען די יונגע, דער כאַוועריר גאָלאָדנער און באַסיע, נאָך אַ צוגאָב — דעם זון. דער פֿרומער מאָטל איז געווען צופֿרידן — אַן אייניקל! מע האָט דאָס ייִנגל אָנגערופֿן נאָך מאָטלס פֿאָטער. עמעס, בלויז אויף האַלב. יענער האָט געהייסן הירש־שלוימע, און דעם אייניק האָט מען אָנגערופֿן גרישע. איך האָב אַליין געזען די מעטריקע — גרישע לייבאָוויטש. אָט אַזוי פֿירט זיך הײַנט. ווער האָט פֿריִער געהערט וועגן אָטשעסטוועס? רעב שימען

אָדער פּאָשעט שימען דער קוטשער — מער האָב איך ניט פאַרדינט. ערשט אין די לעצטע צען יאָר בין איך געוואָרן כאַווער באר. און הײַנט, זעט נאָר, א קליינער פּיפּערנאָטער האָט שוין אן אָטשעסטווע!

צי פון גרימצאָרן, צי פון צופרידנקײַט האָט זיך שימען אפילע אופגעהויבן און א שמײַס געטאָן דאָס פערד.

— בעקיצער, מאָטל איז געווען אפן זיבעטן הימל. אָבער מע דאַרף דאָך גרייטן די בריס־מילע. און דאָ איז געוואָרן כוישעך. שטעלט זיך פאָר, הירש־שלוימע איז געווען א ראַוו, נאָך מיט סמיכעס, וועלכע ער האָט באקומען ניט ערגעץ־ווו, נאָר אין ווילנע. אזא בעקאָוועדיקער גאָען מיט א ניט־געמאַלעטן יוירעש! א ביזאָיען! אָבער די יונגע האַלטן זיך הארט. ניין, און גאָר. איך געדענק, דער ברודער אײַערער האָט דעמאָלט געלייענט א לעקציע אײַנעם קלוב וועגן דעם, וואָס עס הייסט הײַנט־צו־טאָג ייִדישקײַט. א קלוגער מענטש איז ער, דער ברודער אײַערער. עמעס, אינגאנצן בין איך מיט אים ניט מאסקים, כאָטש, ווי איר זעט, הײַנט איז בא אונדז פּייסעך, און איך פאָר דאָך אף דער קליאטשע נאָך די פאָר זעק פון דער פאָטשט.

— אָבער מאָטל האָט זיך דעמאָלט בארויִקט?

שימען האָט נאָכאמאָל א שמײַס געטאָן דאָס פערד.

— וואָס הייסט בארויִקט! די יונגע האָבן מוירע געהאט, אז דער אלטער וועט ארויסגאנווענען דעם באָכערעץ און מאכן אלץ, וואָס מע דאַרף, בעסאָד, שטילערהייט. זײַנען זיי, די יונגע, אנטלאָפן אין אן אנדער קאָלאָניע. נו, אָט זײַנען מיר שוין, דאנקען גאָט, געקומען.

דער קאָמיסאר האָט טאקע ניט באמערקט, ווי די בעדארקע איז ארײַנגע־פאָרן אין א דאָרפישער גאַס.

— איך פארשטיי ניט... וואָס, איך פאָר אהער אומזיסט? — האָט זיך אומרויִק דערפילט דער קאָמיסאר.

— פארוואָס עפּעס אומזיסט? — האָט איבערגעפרעגט שימען.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אז דער ברודער לעבט אין אן אנדער קאָלאָניע.

— וואָס הייסט — לעבט. זיי האָבן דאָרט געלעבט. הײַנט לעבן שוין די יונגע אײנייִנעם מיט די עלטערן. דער פרומער מאָטל האָט זיך געהאלטן א יאָר. פאר דער צײַט האָט מען טאקע גענומען צעכאַפּן די אנדערע טעכטער. שטעלט זיך פאָר, אלע כאסאנים זײַנען, ווי אפצולאָכעס, אײנער א פארטייעץ, דער אנ־

דערער א קאָמסאָמאָליעץ. איינמאָל איז מאָטל מארגוליס אוועקגעפאָרן אין דער אנדערער קאָלאָניע און געבראכט די יונגע צו זיך... אָט, גיט א קוק, איז די שטוב. באלד וועל איך אייַך צופירן.

— מע דארף ניט. א גרויסן דאנק אייַך. איכ׳ל זיך דורכגייִן די עטלעכע שטיבער.

דער קאָמיסאר איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער בעדארקע און איז אוועק צו דעם פרומען מאָטלס שטוב. ער האָט א טראכט געטאָן, אז פון דעם געשפּרעך מיטן קוטשער קאָן זיך באקומען א נישקאָשעדיקע פארצייכענונג פאר דער צייַטונג. די סיפּער־האמייַסע איז, עמעס, אן אויסגעדראָשענע אָפּ וויפל טויזנט זייַטלעך האָבן שוין דערציילט מייַסעס די קוטשערס — העלדן פון פארשיידענע ראָמאנען און דערציילונגען?!

די ווערדנע באָבע באשעווע

קיין ייִדענע, וואָס זאָל זײַן ווערדנער פון דער באָבע באשעווע, האָב איך נאָך דערווײַל ניט געזען. איר מאַן איז געווען א באַלעגוף און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן אין די דרײַסיקער יאָרן. פון דעמלט אָן לעבט זי מיט איר אײן־און־אײנציקן זון. איר שנור ליובע איז מײַן מוטערס א שוועסטער. באַקומט זיך, אז דער באָבע באשעוועס זון, וואָלאָדיע, קערט זיך מיר אָן א פעטער.

די מעטאַמאָרפאָזעס פון ייִדישע נעמען זײַנען אַלעמען באַוווּסט. אָן אנדער פעטער מײַנער האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט שוועריקײַטן באַם באַקומען די פענסיע, ווײַל אין פאַרשיידענע דאָקומענטן איז ער געווען פאַרשריבן סײַ ווי בענציאָן, סײַ ווי ביניאָמין, סײַ ווי ווענימין, סײַ ווי יעווגעני. איך רעד שוין ניט וועגן דער ברייטער גאַמע פון זײַנע פאָטערנעמען. דער פעטער וואָלאָדיע הייסט אינדערעמעסן דאָוויד. מער פון אַלץ געפעלט מיר, אז אַף דער אַרבעט איז ער דאָוויד מאַטווייעוויטש, און אינדערהיים — וואָלאָדיע...

יעדן טאָג אינדערפרי טײלט אויס דער פעטער וואָלאָדיע א שטיקל פלייש און גיט עס אָפּ זײַן מאַמען מיט אַן אָנווײַז, וואָס מע דאַרף קאָכן.

— מאַמע ווּעסט מאַכן אַכט קאָטלעטן.

— וואָלאָדיע, און אויב עס וועט זיך באַקומען נאָר זיבן?

— וועסטו ניט עסן.

דער פעטער וואָלאָדיע איז, ווי מיר זעען, א גוטע צאַצקע, אָבער די באָבע באשעווע איז טויזנט מאָל ווערדנער.

די באָבע באשעווע פירט קימאַט די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט, וואָרעם די מומע ליובע איז בא זיי א מעלוכישער מענטש. זי איז פאַרוואַלטער פון א פּרויעקטקאָנסולטאַציע. פאַרנאַכט ווערט מאַמעש צעריסן דער טעלעפאָן. אַלע קרויווים און באַקאַנטע האָבן זייערע קרויווים און באַקאַנטע, וועלכע קלײַבן זיך יאָ, צי

קלײַבן זיך ניט פֿאַרפֿירן קינדער. מע קלינגט דער מומע ליובע אַפֿילו באַנאַכט. אַמאָל האַלטן ניט אויס בײַ איר די נערוון, און זי וואַרפֿט זיך אַרויף אויף דער שוויגער. וויפֿל נײַע ייִדישע אידיאָמען, וואָס לאָזן זיך ניט איבערזעצן, האָב איך דערהערט פֿון דער באָבע באַשעווע בײַס אויסלעכע רײַסערײַען! סאָפֿקאָלסאָף באַווײַזט זיך אין קיך דער פּעטער:

— מאַמע, גײ אַרויס! דו זעסט דאָך, אַז ליובע איז הײַנט אויפֿגעבראַכט.

— ווײניק צו זאָגן! זי איז פּשוט משוגע. — שטעלט אַוועק אַ פּינטל די באָבע באַשעווע און גייט אַרויס פֿון קיך.

די באָבע האָט ביכלל קיין מוירע ניט פֿאַר קיינעם. זי האָט פּשוט ליב איר וואָלאָדיע. ווען דער פּעטער עסט, זעצט זי זיך אַוועק אַנטקעגן אים און קוקט, ער זאָל ניט פֿאַרגעסן עפּעס אַרײַנלייגן צו זיך אין מויל. און אַז ער לייגט טאַקע אַרײַן אין מויל, דאַרף זי זען, ס׳זאָל אײַנגעשלונגען ווערן, ווײַל דער פּעטער האָט אַ טעווע אָנצושטופּן פֿולע באַקן און קוקן דערבײַ דעם טעלע־וויזאָר, וועלכער ברענט בײַ זיי טאָמיד אויף דער קיך. אַזוי וואָלט ער, דאַכט זיך, געזעסן שאַעלאַנג, ווען די באָבע באַשעווע וואָלט אים ניט אונטערגעשטופּט מיט איר רייד „וואָלאָדיע, דו עסט?".

כוץ דעם זון, האָט די באָבע באַשעווע ליב נאָך צוויי מענטשן — מאַריאַנען, איר אייניקל, און זשעניען, דאָס אוררייניקל. מיט זשעניען, דעם קוטשעראַוון מאַזיק מיט אַ פּאָנעם פֿון אַ מלאך, נעמט זי זיך באַזונדערס איבער:

— ווי קאָן ער זײַן ניט קיין שיינער? מאַריאַנע איז דאָך בײַ אונדז אַ קראַסאַוויצע, און מאַריק איז אויך נישקאָשע...

מאַריקן ווייס איך נאָך פֿון די סטודענטישע יאָרן, כאָטש מיר האָבן זיך געלערנט אויף פֿאַרשיידענע פֿאַקולטעטן. באַגעגענען פֿלעגן מיר זיך בײַ עדיק טאָנקאַרוקין. זיי האָבן אײַנײנעם געשפּילט פֿאַרן אינסטיטוט אין האַנטבאָל. שפּעטער, ווען עדיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אין דער העכסטער ליגע, האָבן זיך בײַ אים געביטן די כאַוויירים — אַנדערע באָכערים מיט גאָר נײַע מיידלעך. מיר האָבן זיך איבערגעקליבן צו גראַפֿן, אויף דער סאַגײַדאַטשנאַיאַ־גאַס, וואָס גייט באַרג־אַראָפּ פֿאַרבײַ דעם גרויסן מאַרק. גראַף — גרישע אַפּינאָגענאָוו — האָט זיך געלערנט אינעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אויפֿן מוזפֿעד. דערפֿאַר זײַנען די אָוונטן בײַ אים געווען, קאָן מען זאָגן, מוזיקאַלישע.

טאַקע בײַ גראַפֿן האָט זיך מאַריק באַקאַנט מיט מײַן שוועסטערקינד. מאַריאַנע האָט זיך אויך דעמאָלט געלערנט אויפֿן מוזפֿעד. איר אינסטרומענט איז

געוועזן א מאנדאָלינע, אָבער אין די קאָמפּאניעס פלעגט זי מיט א ווייטיקדיקן געזיכט־אויסדרוק זינגען אונטער א גיטארע אָקודזשאוועס לידער. ווען מאריק האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אָט די ארבאטישע יעסורים אויף מאריאַנעס אויסגעצויגן פּאָנעם, האָט ער בא מיר שטיל געפרעגט (ער האָט ניט געוווסט, אַז זי איז מײַנע א קרוויווע):

— טשטאָ עטאָ זא סטראדאַיושטשאיא לאָשאדקא?[1]

אין א כוידעש אָדער צוויי ארום האָב איך זי באגעגנט אפן „פּיאטאטשאָק", אנטקעגן דעם שטענדיק האלב־פּוסטן אָרטיקן טעאטער. דאָ קלײַבן זיך צונויף די יוגנטלעכע פון דער גאנצער אַלטער שטאָט (אין דער נײַער שטאָט האָבן זיי אַן ערטל לעבן דער פילהארמאָניע).

כאָטש מאריאַנע איז מײַנס א שוועסטערקינד, האָב איך ניט ווייניקער פון אנדערע זיך געכידעשט, וואָס מאריק האָט גראָד אין איר עפּעס געפונען. ער איז דאָך אזא שיינער יאָט...

די באָבע באשעווע איז געווען צערודערט פונעם שידעך. די זשעזמערס האָט זי געהאלטן פאר א פּראָסטער מישפּאָכע. זי האָט ניט געקאָנט פארגעסן, אַז סענדער זשעזמער, דער פעטער פון מאריקס זיידע, האָט קלוימערשט ארויסגעגאַנוועט בא איר זיידן א נײַע שווארצע בורקע. דערפאר זײַנען נאָך אין דער קאָלאָניע די ביידע געזינדן געווען אויף מעסערס.

— וואָס, דו לויפסט שוין צו דעם גאנעוו? — פלעגט זי בורטשען, קוקנדיק ווי מאריאַנע קלײַבט זיך ערגעץ גיין, — די ליבע ברענט...

סאָפּקאָלסאָף האָט זי זיך בארויקט און אָנגעהויבן אפילע קלײַבן נאכעס פון מאריקן. בא איר איז שטענדיק אזוי. קויפט דער פעטער אָדער די מומע עפּעס א כייפעץ, דאַרף זי לעכאטכילע איבערמישן די מעציע מיט בלאָטע. און שטייט די זאך עטלעכע טעג אין שטוב, ווערט זי שוין די בעסטע אין דער גאנצער וועלט.

כוץ דעם, האָבן זיי, די באָבע באשעווע און מאריק, זיך צונויפגעניוכעט אדאנק די צײַטונגען. מיר, לעמאָשל, שרײַבן אויס בלויז צוויי בלעטער: די „פּראַווּדאַ", די אָרטיקע צײַטונג. און עס סטײַעט פאר אַלעמען, סײַ פאר מיר, סײַ פארן טאטן. מאריק האָט ליב אָנקויפן א גאנצע קופּע — אָנהייבנדיק פון „גודאָק" ביז „לעסנאיא פּראָמישלענאָסט". וואָס זוכט ער דאָרטן, ווייס איך ניט. אָבער די באָבע באשעווע איז צופרידן.

---

[1] וואָס איז דאָס פאר א לײַדנדיק פערדל? (רוס.).

יעדן טאָג, ווען זי באַגלייט אַרויס אַלעמען פון דער שטוב, נעמט זי צונויף די נעכטיקע קופּע צײַטונגען און זעצט זיך לייענען. זי לייענט נאָר וועגן פּאַסירונגען, גנייוועס, אויספאַרשונגען און דעסגלײַכן. מער פון אַנדערע האָט זי ליב די אַרטיקע יוגנטלעכע צײַטונג. איך מיין, אַז קיין בעסערן לייענער, ווי די באָבע באַשעווע, האָט די דאָזיקע צײַטונג נאָך ניט געהאַט.

די באָבע באַשעווע לייענט נאָר אויף אַ קאָל. די קולמינאַציע־מאָמענטן באַגלייט זי מיט אייגענע פּיירושים.

איבער די צײַטונגען האָט זי געהאַט אַ פאַרדראָס בײַם דער לעצטער פאָלקס־ציילונג.

איך קום איינמאָל אַרײַן צו זיי (כ׳וווין ניט ווײַט, באַם טעלעציענטער) און הער, ווי דער פעטער שרײַט אויף איר:

— ביסט שוין אינגאַנצן איווערבאָטל! באַלבעסט, וואָס עס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן! — דער פעטער איז ביכלאַל פון די גראָבע־יונגען. אַמאָל, פאַרשטייט זיך, דאַרף מען זײַן פון אײַזן, קעדיי אויסהאַלטן דער באָבע באַשעוועס שטיק, אָבער דער פעטער קאָן זי אויסזידלען קימאַט מיט די לעצטע ווערטער אויך איבער עפּעס אַ נאַרישקײַט.

אַלס קלאַל, הערט אים אויס די באָבע באַשעווע מיט אַ שמייכל. אָבער דעמאָלט איז זי געווען צעטראָגן ניט אויף אַ קאַטאָוועס:

— איך ווייס אַליין ניט, וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. ס׳קומט אַרײַן אַ באָכערעץ מיט אַ פּאָרטפעל, איך האָב נאָך ניט געוואָלט אים אַרײַנלאָזן, און ער זאָגט, אַז ער דאַרף מיך איבערשרײַבן. פרעגט ער, ווי אַלט בין איך, ענטפער איך. דערנאָך פרעגט ער: „קאַקאָי או וואַס ראָדנאָי יאַזיק?“[1], ווייס איך ניט, וואָס צו ענטפערן. „נו, — זאָגט ער, — באַבוליאַ, נאַ קאַקאָם יאַזיקע ווי דומאַיעטיע?“[2]. קיינמאָל האָב איך זיך ניט צוגעהערט, אויף אַ וואָסער לאָשן איך טראַכט. איך האָב אים אַרײַנגעפירט אין קיך, וווּ עס ליגן די גאַזעטעס, קוקט ער אויף זיי און פרעגט: „נאַ קאַקאָם זשע יאַזיקע ווי טשיטאַיעטיע גאַזעטי?[3], ענטפער איך אים, אַז ניט אויף ייִדיש. האָט ער טאַקע אַזוי פאַרשריבן: — ראָדנאָי יאַזיק — „ניע יעווריעיסקי“...

אָט אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז די באָבע באַשעווע איז, ניט פאַר אײַך געדאַכט, געבליבן אָן אַ מאַמע־לאָשן.

[1] וואָסער מאַמע־לאָשן איז בײַ אײַך? (רוס.).
[2] נו, באָבעניו, אויף וואָסער לאָשן טראַכט איר? (רוס.).
[3] אויף וואָסער לאָשן לייענט איר די צײַטונגען? (רוס.).

נאכמעו

נאכמען איז אף עלף יאָר עלטער פון מיר און מער ווי אף א קאָפּ נידעריקער. אונדזער טאטע איז זיכער, אז אנדערש קאָן עס ניט זײַן. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן אינעם פופציקסטן יאָר, אין א צײַט פון אקסעלעראטן, און נאכמען איז א קינד פון שווערע, הונגעריקע מילכאָמע־יאָרן.

נאכמענס א כאווער, ליאָוקע מעדוועד, וועלכער איז אויך די לענג ניט מער פון הונדערט זעכציק סאנטימעטער, פארמוטשעט פּאָשעט אלעמען מיט באַשרײַבונגען פון זײַן גוואלדיקן קויעך.

נאכמען, פארקערט, איז א שווײַגער. דער זיידע פלעגט זאָגן — „א שטומע לעלע”.

די שול האָט נאכמען פארענדיקט מיט א גאָלדענער מעדאל, דעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט — מיט אן אויסצייכענונג. קימאט גלײַך נאָכן אינסטיטוט האָט ער זיך גענומען שרײַבן א דיסערטאציע. דעמלט איז עס געוואָרן א מאָדע. שרײַבן שרײַבט ער די דיסערטאציע ביזן הײַנטיקן טאָג. א מענטש דארף אויסקלײַבן פאר זיך אָט אזא טעמע: „קוואנטיטאטיווע אספּעקטן פון אונטעריכטן כעמיע אין דער מיטלשול”!.. אויב רעדן אף א מענטשלעכן לאָשן, וויל ער ווײַזן, וויפל און וואָסערע אופגאבעס עס דארף לייזן א שילער, קעדיי באהערשן דעם אָדער יענעם מאטעריאל.

אָבער וואָס איז דאָס אזוינס, „א שילער”? איך, אשטייגער, האָב פײַנט כעמישע רעאקציעס — קאָלערליי זויערסן און אָקסידן. פאר אזעלכע יאטן, ווי

איך, האָט נאכמען אפילע א ספּעציעלן נעאָלאָגיזם — „דוראצעלעך", וועלכן ער האָט צונויפגעשטעלט פון א רוסישן וואָרצל און א יידישן סופיקס. אָט די „דוראצעלעך" פּאטערן אים, ווי ער זאָגט, אלע זיינע קוואנטיטאטיווע טעאָריעס.

דער פאָטער אונדזערער איז א בוכהאלטער. בלויז די פיר יאָר פון דער מילכאָמע איז ער געווען א סנייפּער (כאָטש סנייפּעריי איז אן אנדער מין רעכענונג, אָבער סייווי האלט מען זיך בא ציפערן...). ער פלעגט קלייבן נאכעס, קוקנדיק, ווי זיין בכאָר, נאכמען, זיצט און רעכנט אויס עפּעס א צייגער אף די גרויסע בוכהאלטערישע רעכנבייגדלעך. די צייגערס האָט נאכמען צוגעטראכט אליין און, האכט זיך, קיינער, כוץ אים, פלעגט זיי ניט פארשטיין. שטעלט זיך פאָר: „קאָעפיציענט דינאמיטשעסקאָי אוסוואָיאיעמאָסטי" אָדער „פּאָטאָק אָטקאַזאָוו אָבוטשאיעמאָסטי"... עמעס, איינע א לערערן פון מעליטאָפּאָל האָט געפּרוווט אויסניצן נאכמענס טעאָריעס. קימאט א גאנץ יאָר פלעגט זי אים שרייבן לאנגע בריוו — „באריכטן", און זומער איז ער אפילע געווען בא איר. די מאמע האָט זיך געפרייט. סאָפּקאָלסאָף, כאָטש צו דרייסיק יאָר, האָט איר נאכמען א מיידל. אָבער אין א וואָך ארום קערט ער זיך אום צוריק מיט אן עמער ווייסע קארשן, מיט א טוץ קאָנספּעקטן און מיט לאנגע מייסעס וועגן דעם, וואָס פאר א גלענצנדיקער פּעדאגאָג איז דאָס מיידל. פון די קארשן, קאָנספּעקטן און דעריקער פון די מייסעס איז די מאמע אָפּגעלעגן א וואָך מיט הארץ־קלעמעניש...

איך און דער זיידע זיינען אלע יאָרן געווען אין אָפּאָזיציע צו דער קוואנטיטאטיווער טעאָריע. דער זיידע פלעגט זי אָנרופן — די קאָפּאָרע־טעאָריע.

— מע דארף זיין פריש, געזונט און מעשוגע! אָפּזיצן גאנצע טעג מיט שיידים וויסן וואָס, — פלעגט דער זיידע אָנפאלן אף נאכמענען. — איך האָב זיך געלערנט בא דריי מעלאמדים און געדענק עפּעס ניט, זיי זאָלן אזוי זיצן און רעכענען.

אזא מין איבערוף פון דוירעס פלעגט זיך איבערכאזערן קימאט יעדן שאבעס, ווען דער זיידע איז געוויינלעך געווען א ביסל א פארמאָרעשכוירעטער. שאבעס פלעגט ער זיך ניט דערלויבן אויסרייכערן א פּאפּיראָס, און די זעכציקיאָריקע מילכאָמע מיט דער געוווינהייט פלעגט אים קאָסטן א סאך נערוון.

די מאמע האָט שטארק איבערגעלעבט, וואָס עס גייט שוין צו דריי און דרייסיק, און נאכמען איז נאָך אלץ א באָכער. בעסער וואָלט געווען אזא מין

שטיקל נאכעס, ווי בא מאשע מעדוועד. איר שייגעץ ליאָווקע האָט שוין געביטן צוויי ווייבער, און איצט לעבט ער מיט איינער א צושנייַדערן, וואָס איז אַף א יאָר צען עלטער פון אים. אָבער סייַווי איז עס עפּעס מער מענטשלעך, איידער מיט נאכמענען.

און דאָ באווייַזט זיך מיטאמאָל, ווי א מין מאלעך, דאָרע, מיט וועלכער די מאמע האָט נאָך אין די אמאָליקע יאָרן פאַרענדיקט זיבן קלאסן. געווען איז דאָס אין שטעטעלע באר. די מאמע האָט זיך געלערנט אין א יידישער שול, און דער טאטע — דאָ, בא אונדז אין שטאָט, אין אַן אוקראַאינישער. הייַנט געדענקט די מאמע קיין איין יידישן אָס ניט (אזוי זאָגט זי), און דער פאָטער, אדעראבע, לייענט אלע נייַע יידישע ביכער, שוין אָפּגערעדט וועגן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"...

האָקיצער, דאָרען האָט די מאמע ניט געזען א יאָר פערציק געוויס. דערפאר האָט זי אפילע גלייַך ניט פארשטאנען, וואָס עס וויל ראפּטום פון איר אין מארק אָט די ניט־באקאנטע יידענע אין א בונטן קרעפּאָעשינענעם סאראפאן. די מאמע איז ביכלאל געווען זיזער, אז פונעם גאנצן קלאס, זוץ איר, איז קיינער ניט געבליבן לעבן. און דאָ אינמיטנדערינען:

— כוואָלעס! דו דערקענסט מיך ניט?

— ניין, איך דערקען אייַך ניט, — האָט מיט פארוואונדערונג געקוקט אַף איר די מאמע (כוואָלעס איז די מיידלשע פאמיליע, וועלכע עס געדענקט בלויז דער טאטע און זי, די מאמע אליין).

— וואָס קוקסטו אַף מיר, ווי א פריטשמעליעטע? איך בין דאָך דאָרע! — האָט אויסגעשריען די יידענע. פון פארדראָס האָט זי אזוי ראשיק א וואָרף געטאָן אַף דער ערד ביידע אירע קוישלעך, אז פון איינעם זייַנען ארויסגעפאלן די פּאָמידאָרן און גלייַך צעטאָפּטשעט געוואָרן אונטער די פיס פון אנדערע קויִנים.

די מאמע האָט א ווייַלע באטראכט די ברייטע נאָז, די ווילע באָלכעוואטע אויגן אונטער קייַלעכדיקע אלטמאָדישע ברילן, די געדיכטע שווארצע ברעמען און די וואָנצעלעך. דערנאָך האָט זי א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— אָדער כ'בין שוין איוווערבאָטל, אָדער אנטקעגן מיר שטייט דאָרע הערץ...

זיי האָבן אָפּגעשלעפּט אין א זייַט די קוישלעך. אין א פּאָר שאָ זייַנען קוים אריבערגעפרעסט געוואָרן די לאנגע יאָרן, וואָס זייַנען דורכגעפלויגן אזוי אומגעריכט גיך, ווי אָט די שאָען אין שאָטן פון א גרינוואַרג־פּאלאטקע.

דאָרע האָט דערציילט וועגן דער עוואקואציע קיין טשעליאבינסק, דאָרט איז איר מוטער געשטאָרבן, און זי איז געבליבן אליין; וויאזוי עס האָבן איר געהאָלפן גאָר פרעמדע מענטשן; אין טשעליאבינסק איז זי שוין געבליבן, אָפּגע־ארבעט דאָרט אלע יאָרן; בלויז מיט א כוידעש צוריק האָט זי געביטן די דירע, אהער, ווו עס לעבן עטלעכע אירע גליד־שוועסטערקינדער.

נאָך דער באַגעגעניש פלעגן זיי אריינגיין איינע צו דער אנדערער, אָבער מערסטנטייל האָבן זיי אונטערגעהאלטן טעלעפאָן־געשפרעכן.

איינמאָל קומט דאָרע צו אונדז, זעצט זיך אוועק און שרייַט אויס:

— כוואַלעס, געוואַלד! איך קאָן עס פאָשעט מער ניט אָנקוקן!

איך זיץ אין קיך, עס געבראָטנס מיט פּאַסאָליעס און פאַרשטיי, אז נאכמענס פריַע לײַדיקגייערישקייט האָט שוין די ווערט, ווי עס פלעגט זאָגן מײַן זיידע, א דרײַערל אין אלטע קאָרבאָוואנצעס. אָבער די מאמע פילט נאָך ניט דעם היסטאָ־רישן מאָמענט:

— וואָס שרעקסטו מיך, ס'האָט עפּעס פּאַסירט?

— זי פרעגט נאָך! — שרײַט אויס דאָרע. — דײַן כאָכעם, זײַ מיר מויכל, האָט נאָר איין ארבעט — קלאַפּן אַף די רעכנבייַנדלעך. א גליקלעכער מענטש! דאַרף מער גאָרניט, נעם נאָר בא אים ניט אָפּ די צאצקע — די ביינדלעך... — דאָס קאָל האָט בא דאָרען א ציטער געטאָן. — איך קאָן ניט אָנקוקן דײַנע צאָ־רעס, כוואַלעס. ביסט דאָך פאַר מיר, ווי אן אייגענע שוועסטער...

פון דער קיך האָב איך דערהערט, אז די מאמע וויינט שוין. דאָרע האָט, פאַרשטייט זיך, אונטערגעכאַפּט, און א ווײַלע איז געווען שטיל.

אין עטלעכע מינוט ארום:

— כוואַלעסל! גענוג שוין גיסן טרערן. נעם אָט מײַן טיכל. דײַנס איז ווי נאָך א מאבל. — דאָרע האָט א כיכיקע געטאָן. — און דו מיינסט, איך האָב ניט אונטערגעזוכט קיין קאַלע פאַר דײַן מאקאָרענקאָ?

— אוי, דאָרע! פון דיר קאָן מען אײַנעמען א מיסע מעשונע...

— טיאָטיא דאָראַ! וואָס פאַר א קאַלע? — האָב איך ניט אויסגעהאלטן און אויסגעשריגן פון דער קיך.

— גיט נאָר א קוק, ער איז דאָ! קום, כוואַלעס, לאָמיר זיך אויסבאהאלטן פון דײַן צווייטן טאכשיט...

מיילע. וועל איך זיך דערוויסן וועגן דער קאַלע אַף א טאָג שפּעטער...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרע זוכט שוין פון לאַנג אַ שידעך פאַר נאכמענען. אָבער ס'איז ניט אַזוי גרינג. פאַרשטייט זיך, די קאַלע דאַרף זיין אַ קליינינקע. צווייטנס, נאכמענען איז דריי און דרייסיק. באַקומט זיך, אַז גאָר אַ יונגיטשקע וועט ניט פּאַסטן. כוץ דעם, בלייבט נאָך שיינקייט, סייכל, מישפּאָכע... אַ פּאָר מאָל איז געווען ענלעך אַף דעם, וואָס מע דאַרף, איז אָבער נאכמענען ניט געפעלן געווען די קאַלעס.

דאָס מאזל איז געקומען פון אַן אומגעריכטער זייט. שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס מאזל איז פאַרבונדן מיט כאָליערע! סע הייסט, די כאָליערע איז געווען דאַפקע ניט בא אונדז, אָבער מאכמעס דעם קאַראַנטין אין אָדעס און אין אַנדערע דאָרעמדיקע שטעט איז פון קיעוו צו בליומע בערזשיגאַל, דאָרעס אַ שכיינע, געקומען איר פלימעניצע סימע. דאָרע האָט זי נאָר דערזען און גלייך פאַרשטאַנען, אַז סע שמעקט מיט אַ שידעך.

אין דריי וואָכן אַרום זיינען פון קיעוו שוין געקומען צו פאָרן סימעס ביידע עלטערן, און מע האָט אונדז גערופן צו בליומען אַף אַ מיטיק. דער טיש איז געווען אַ געהעריקער: יויך מיט מאַנדעלעך, עסיקפלייש און אפילע געפילטע העכט. עמעס, פיש גרייט בליומע אַזוי, אַז איך, לעמאָשל, קאָן עס אין מויל ניט נעמען. אָבער אַלע געסט עסן און לויבן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז סימע און אירע עלטערן זיינען פאַרמאַצעווטן. דער געשפּרעך הייבט זיך אָן דרייען אַרום פאַרשיידענע קרענק און רעפּועס. די כאָליערע האָט מען אויך ניט פאַרגעסן. מיין מוטער שטעלט אַריין בעניםמעסדיק, אַז בא זיי, אין שטעטעלע באַר, פלעגט מען מער האַלטן פון איינעם אַן אַפּטייקער, איידער פון אַלע דאָקטוירים. דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי ער האָט זיך געלערנט אין קיעוו אַף בוכהאַלטערישע קורסן. מיט קיעוו איז בא אונדזער מישפּאָכע ביכלאַל פאַרבונדן זייער אַ סאַך. אַפילע מיין מוטערס נאָמען, כוואָלעס, שטאַמט אויך נאָך פון די יידן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין דער קיעווער רוס, און זיי האָבן גערעדט אַף אַ סלאַוויש לאָשן...

סימעס מאַמע כאַפּט אונטער יעדעס וואָרט און ענטפערט אַף דעם מיט גאַנצע שטראָמען רייד. איר מאַן האָט פאַר דער גאַנצער צייט, דאַכט זיך, ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט אַפילע ניט רעאַגירט, ווען זי פלעגט יעדעס מאָל וואַרפן אים „דאָוויד, שווייַג!" — און אָן קיין שום פּאַוזע שיטן ווייטער מיט ווערטער.

סאַפּקאַלסאַף האָט מען אופגעגעסן אַלע מײַכאָלים, קוים אויסגעטרונקען א פלעשל בראנפן און באשטימט, אז מיט דער כאסענע דארף מען ניט צ׳ען. נאכמען איז א לערער, און פונעם ערשטן סענטיאבער אָן דארף ער שוין ארבעטן אף א נײַ אָרט, אין קיִעוו.

כאַסן־קאַלע זײַנען געזעסן גאָר שטיל. סימע איז געווען א ברעקל אפּילע לעבן נאכמענען. איר פּענעמל האָט זיך מיר אויסגעוויזן קינדעריש. איך האָב ניט אויסגעהאלטן און געזאָגט דאָרען, אז דאָס מיידל איז צו יונג פאַר נאכמענען.

— דו פארשטייסט גאָר ניט, —האָט זיך צעלאכט דאָרע, — א קליין הינטל איז טאָמיד ווי א נאסטאָיאשטשי הונט.

איך האָב געקוקט אף נאכמענען, ער האָט אויסגעזען גליקלעך. דאָך האָב איך א טראכט געטאָן, אז אים ווארעמט אונטער דער געדאַנק וועגן זײַן קוואַנטיטאטיווער טעאָריע, פאַר וועלכער אין קיִעוו, לעבן די פּעדאגאָגישע לײַכטזײַלן, וועלן זיך עפענען נײַע האָריזאָנטן...

הײַנטיקן אווגוסט וועט שוין ווערן צוועלף יאָר, זינט נאכמען לעבט אין קיִעוו. פון אונדז איז דאָס ניט ווײַט: א שאָ פיר אין אן אווטאָבוס. ווען די טעג זײַנען ווארעמע, ניט קיין הייסע, איז אפילע א פארגעניגן זיך דורכפאָרן אין אן „איקארוס" פארבײַ פרײלעכע ציכטיקע דערפער און ריזיקע גרינע אָדער גאָלדיקע פעלדער. און פאַר אזעלכע, ווי איך, וועלכע האָבן אייגענע אווטאָמאָבילן, איז עס בּיכלאַל א קינדער־שפּיל.

אָבער עס דאכט זיך נאָר אזוי. אַלע זײַנען פארדרייט, פארנומען. בא מיר איז די ארבעט דערצו א מעשוגענע. אינעם שטאָט׳ישן צירק בין איך אן אינספּעקטאָר פונעם מאניעזש. אנדערע האלטן, אז ס׳איז אן ארבעט „נײַע בעי לעזשאַטשעוואָ" — „שלאָג ניט קיין ליגנדיקן". גייסט ארויס א ריינער, א ציכטיקער. שרײַסט אויס „ווי־סטו־פּאיעט!..", און גאָר.

דער אינספּעקטאָר איז פאראנטוואָרטלעך פאַר אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אפן מאניעזש, ארײַנגערעכנט די קלאָונען.. .און דאָ, ניט לאנג צוריק, איז בא אונדז געווען א הינטישער אטראקציאָן, דארף איין הונט זיך צוטשעפּען צו מיר. אלעמאָל מוז ער מיך א כאפּ טאָן. איך האָב שוין געבעטן, מע זאָל אים צוהאלטן. קוים פאָטער געוואָרן פין אים.

צו דער האָב איך נאָך איין לאָך אין קאָפּ. איך בין א טאמאדא, א מין באדכן אף יידישע כאסענעס. בא מיר איז פונעם זיידן געבליבן א יערושע —

דאָס מאמע־לאָשן. און קיין שטומע לעלע, ווי מײַן ברודער נאכמען, בין איך אויך ניט. רופט מען מיך. איך זאָג דאַרען, אז בא אונדז מיט איר איז א פירמע: זי פּאַרט צונויף א יינגל מיט א מיידל, און איך פראווע כאסענעס.

האקיצער, קיין קיעוו רײַס איך זיך ארויס ניט מער, ווי א מאָל צוויי אין יאָר. אין נאכמען איז אויך פארדרייט מיט זײַן צווילינג, וואָס סימע האָט אים געבוירן, און מיט דער ארבעט. ער איז אמאָל געווען א שטילער, נאָר פאר די פארגאנגענע יאָרן האָט בא אים שוין אינגאנצן אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער זיצט און שווײַגט.

ניט לאנג צוריק בין איך געווען בא אים. איך גיי ארײַן, זיצט ער מיט א קאלקוליאטאָר און רעכנט.

— וואָס רעכנסטו?

— די צײַגערס פאר א האלב־יאָר.

פרעג איך בא אים נאָך עפּעס, ענטפערט ער.

אין א שאָ ארום קומט סימע. ס׳הייבט זיך אָן גלײַך — „נאכמען, שווײַג!". שווײַגט ער. איך האָב געוואָלט איבערנעכטיקן בא זיי, קויפן אינדערפרי פאר מײַנע א פּאָר קיעווער טאָרטן. ווען איך בין אָבער אָפּגעזעסן א ביסל אין דער פרייִלעכער קאָמפאניע, האָט מיך עפּעס א צי געטאָן אהיים...

די ערשטע ווינדע

אויב קוקן פונעם פערטן עטאזש, לעם דעם ספּאָרט־זאַל, זעט מען גוט דעם שול־גאנעק. דאָדיק שטעלט אוועק זײַן פּאָרטפעל אפן דיל און טוליעט זיך צו צום נאָך פון ווינטער אומרייניגעם שויב־גלאָז.

דער לעצטער גייט ארויס אליק באָנקאָ. פון אויבן בלישטשעט אליקס קאָפּ מיט שפּראָצונגען פון רויטע הארטע האָר, ווי א גאָלדענער קנויל. אליק דרייט זיך א ווײַלע ארום באם גאנעק און גייט אוועק.

— אראָנכאָן, וואָס טוסטו דאָ?

ניקאָלײַ וויקטאָראָוויטש, דער לערער פון פיזקולטור, איז ארויס פונעם ספּאָרט־זאל. באנאנד מיט אים — די מאָגערע לאבאָראנטקע פונעם פיזישן קאבינעט. דאָדיק ווייסט, אז שוין אין מעשעך פון א פּאָר יאָר גרייטן זיי איניינעם אן אקראָבאטישן אופטריט, קעדיי אוועקגיין ארבעטן אין צירק.

— דו הערסט, וואָס איך פרעג דיך?

דאָדיק האָט מוירע פאר אָט דעם ריזיקן מאנצבל, וועלכער רופט זיי אלעמען לויט די פאמיליעס. אונטערגעכאפּט דעם פּאָרטפעל, לויפט ער אראָפּ־צו, אין דרויסן.

נעכטן האָט זייער 3 „א" קלאס געשריבן א דיקטאנט, און הײַנט האָט די לערערן אומגעקערט די העפטן. דאָדיק האָט באקומען דרײַ באלן. די שול, וווּ ער לערנט זיך, איז א „דײַטשישע". דאָס הייסט, אז אָנגעהייבן פונעם צווייטן קלאס לערנט מען דאָ, כוץ די הויפּט־קעגנשטאנדן, דײַטש. די רוסישע ווערטער מישן זיך בא דאָדיקן איבער מיט אוקראַיִנישע, און דײַטש מישט זיך איבער מיט יידיש. אָפט טרעפט, אז די לערערן פון דײַטש פרעגט זיך אָן:

— דאוויד, ווו נעמסטו אָט די ווערטער?

וויַזט אויס, ער האָט ווידער אריַינגעשטעלט עפּעס א יִדיש וואָרט. אינ־דערהיים רעדט דער טאטע אף יִדיש. יִדיש רעדן קימאט אלע זיַינע פעטערס און מומעס. די מאמע רעדט אמאָל יִדיש, אמאָל רוסיש. אין שטאָט ניצט מען רוסיש און אוקראַיִניש. דאָדיק לאָזט ניט צורו די מאמע: וואָסער לאָשן איז בא אים פארעכנט פאר דער מוטערשפּראך? די מאמע האָט א צי געטאָן מיט די אקסלען:

— איך ווייס אפילע ניט. עפּשער אלע דריַי: סיַי רוסיש, סיַי יִדיש, סיַי אוקראַיִניש.

איר איז גרינג צו זאָגן „אלע דריַי". זי באהערשט נאָך פיר שפּראכן: ענ־גליש, דיַיטש, שוועדיש און פּויליש. אף דעם מעטאלורגישן זאוואָד, ווו זי איז אן איבערזעצערן, קומען ספּעציאַליסטן פון אלע עקן וועלט. אייניקע לערנען זיך בא אונדזערע מעטאלורגן. אנדערע מאָנטירן מאשינען, וואָס מע האָט גע־קויפט אין אויסלאנד. טוריסטן קומען גלאט א קוק טאָן אפן בארימטן זאוואָד.

און בא דאָדיקן איז מיט די שפּראכן ניט אלץ קעשורע. די מאמע לעבט איבער ניט אף קאטאָוועס.

— א פארשטאָפּטער קאָפּ, — האלט זי אמאָל ניט אויס, — פּאפּאָטשקא מיט די ביינער...

דער טאטע לאכט:

— לערן זיך אויס פריִער אף יִדיש אזוי ווי מע דארף...

דער פּאָטער שטאמט פון ליטע. ער זאָגט, אז אים ריַיסט די אויערן די שפּראך פון די אָרטיקע, וואָלינער יִדן. דאָדיק געדענקט, ווי דער טאטע איז געווען צופרידן, ווען דעם פּאָריקן זומער האָט ער זיך באקאנט אין אלושטע מיט איינעם א ליטווינער. דער פעטער סטאניסלאוו האָט גערעדט גוט אף יִדיש. אף יענעם, דעם פּאָטערס יִדיש. זיי פלעגן פארגעסן וועגן די וויַיבער און קינ־דער, וועגן באָדן זיך, וועגן אלצדינג, זיצנדיק אף צוויי אלטע האנטעכער, וואָס האָבן געדינט ווי א פליאזש־רעדנע, און געהאלטן אין איין דערמאָנען זיך אין די פארמילכאָמעדיקע יאָרן. צומאָל פלעגט דער פעטער סטאניסלאוו בעטן:

— ווייסט וואָס, עמיל, כ'בין שוין מיד פון יִדיש. לאָמיר כאָטש אף א וויַילע איבערגיין אף ליטוויש.

און זיי זײַנען איבערגעגאַן אַף ליטוויש.

פאַרנאַכט פלעגט דער טאַטע אַרײַנפאַלן אין א מאַרעשכוירע, לאַנג ניט שלאָפן, זיצן אין דרויסן און רייכערן. דאַדיק האָט פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע טראַכט וועגן זײַנע צוויי טעכטער, וועגן די אַלע זײַניקע, וועלכע זײַנען געווען ביז דאַדיקן, און דער פאַשיסט האָט זיי פאַרשניטן.

דאַדיק האָט געוווּסט, כאָטש קיינער האָט אים וועגן דעם ספּעציעל ניט דערציילט, אַז באַם פאָטער זײַנען אין ווילנע געווען א פרוי מיט קינדער. אײַניי־נעם האָבן זיי אַלע געלעבט ניט קיין לאַנגע צײַט. צוויי מאָל איז דער טאַטע, א קאָמוניסט, געזעסן אין טפיסע. גלײַך נאָך דעם, ווי ליטע איז געוואָרן א סאָווע־טישע רעפּובליק, איז ער אַוועק דינען אין דער אַרמיי. דאָס ווײַב און די מייד־לעך זײַנען געבליבן אין ווילנע...

בא די עלטערן אין צימער הענגט א פאָטאָגראַפיע: דער טאַטע און פיר זײַנע כאַווירים, אַלע אָפיצערן, יונגע, שמייכלענדיקע. לעבן דעם טאַטן שטייט א שיינער לייטענאַנט. דאַדיק קען אים גוט. דער שוואַרצהאָריקער לייטענאַנט איז עסמיראַלדאָ ריקאָ־אַנטאָניאָ.

ווען דאַדיק איז געווען נאָך גאָר א קליינער, פלעגט ער עסן זייער שלעכט. דער פאָטער פלעגט זאָגן, אַז שולדיק אין דעם איז די מאַמע, ווײַל זי האָט צוגעוווינט דאַדיקן עסן מיט מײַסעס. בעסער פון אַלע מײַסעס פלעגן גיין די דערציילונגען וועגן דעם, ווי דער פעטער עסמיראַלדאָ, ווען ער איז געווען אַלט צוועלף יאָר, איז געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד פון שפּאַניע.

דער פעטער עסמיראַלדאָ וווינט אין קריוואָי ראָג, נאָענט פון זייער שטאָט, און דאַדיק זעט אים אָפט. הײַנט איז ער אויך בא זיי צוגאַסט. דאַדיק האָט ליב, ווען עס קומט צו פאָרן דער פעטער עסמיראַלדאָ. יעדעס מאָל ברענגט ער אים עפּעס א מאַטאָנע.

אָבער הײַנט וויל דאַדיק, אַז דער פעטער עסמיראַלדאָ זאָל אָפּפאָרן ביז זײַן קומען אַהיים, אַנדערש וועט אויסקומען צו הערן אַזעלכע רייד:

— אײַ־אײַ, קאַמאַראַד דאַדיק... געשיקט זיך, וועל איך דאַרפן דערציילן אין קריוואָי ראָג, אַז עמיל מאַרקאָוויטשעס זון קאָן ניט שרײַבן אָן גרײַזן...

דאַדיקס כאַווער אַליק באַבקאָ לערנט זיך אין 3 „א״ קלאַס בלויז א כוידעש צײַט. ער איז אויסגעוואַקסן אין א קליינעם יישעוו אַף קאַמטשאַטקע. דעריבער

רופט מען אים „קאמטשאדאל". אליק איז קיינמאָל ניט געפאָרן מיט א ווינדע. נעכטן האָט ער וועגן דעם געזאָגט דאָדיקן.

— קום מיט מיר, וועלן מיר פאָרן מיטן ליפט, — האָט אים פאָרגעלייגט דאָדיק.

— הײַנט קאָן איך ניט. די מאמע וועט איבערלעבן, אויב איך וועל קומען שפּעטער. פאַרבעט מיך אף מאָרגן, וועל איך זאָגן דער מאמען...

דאָדיקס עלטערן האָבן ערעוו זײַן געבורט באַקומען די איצטיקע דירע אין א נײַ הויז אפן לענין-פּראָספּעקט. אין יענע יאָרן איז עס געווען א ניט-געוויינלעך הויז — דער ערשטער אין דער שטאָט אכטשטאָקיקער „וואָלקנקראַצער". דאָרט האָט מען אופגעשטעלט א ווינדע — אויך די ערשטע אין דער שטאָט.

מיט דער ווינדע האָט מען זיך גוט אָנגעמאַטערט. א פּאָר כאדאָשים פלעגן די נײַע אײַנוווינער ארופקלעטערן צו זייערע דירעס צופוס. דערנאָך האָט זיך באַוויזן א מעלדונג, אז דער ליפט וועט איבערפירן די אײַנוווינער נאָר ארופ-צו. אין די טירן פונעם ליפט האָט מען ארײַנגעשטעלט שלעסער. אף דעם ערשטן עטאַזש שטייט א טיש מיט א בענקל פארן ליפטיאָר, וועלכער עפנט מיט א שליסל די טיר פון דער ווינדע און רופט ארויס די קאבינע אף צוריק, אראָפּ-צו.

דער פעטער דאוויד ארבעט אלע יאָרן אף דער ווינדע. געקומען פון דער מילכאָמע אָן א פוס, האָט ער שוין ניט געקאָנט זיך אומקערן אין מארטען-צעך, ווו ער איז אין די דרײַסיקער יאָרן געווען צווישן די בעסטע סטאכאנאָווצעס. ניט לאנג צוריק האָט די מאמע געבראכט די פילטיראזשקע „מעטאלורג", ווו מע האָט אָנגעדרוקט א גרויסן ארטיקל וועגן דעם פעטער דאוויד און נאָך עטלעכע סטאכאנאָווצעס פון יענע יאָרן.

דער פאָטער פלעגט זאָגן, אז אָן דאוויד מאָיסייעוויטשן וואָלט דער ליפט שוין געווען אף דער איבערשמעלצונג. קלאפנדיק איבער די ברייטע טרעפּ מיטן פּראָטעז און מיטן אליומינענעם שטעקן, קלײַבט דער ליפטיאָר זיך ארופ העכער פונעם לעצטן עטאַזש, ווו אין א טורעמל געפינט זיך די מאשין-אָפּטיילונג. דאָ-דיק וואָלט אָפּגעגעבן אפילע זײַנע שטאָלענע גליטשערס פאר דער מעגלעכקײַט א קוק צו טאָן, וואָס עס געפינט זיך דאָרט, אין דעם געהיימען טורעמל. אָבער בעטן דעם פעטער דאוויד האָט ער ניט געוואגט.

דער פעטער דאוויד איז בּיכלאל געווען שטרענג צו דאָדיקן. מיט דרײַ יאָר צוריק, דעם ערשטן סענטיאבער, האָט ער אים געזאָגט:

— נו, טיאָזקע[1], פֿאַרשרײַב דאָס, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אויפֿן אייגענעם שטערן. אַמאָל האָט געלעבט אַזאַ מײַלעך דאָוויד, אויך אַנדזוערער אַ טיאָזקע. אַ בראַווער יאַט געווען און ניט קיין נאַר. איך ווייס ניט, צי דו פֿאַרשטייסט אין אַזעלכע זאַכן, אָבער איך בין אויכעט ניט פֿון די נאַראָנים. ווײַל איך, דו זאָלסט זײַן ניט ערגער פֿון מיר און פֿון דעם מײַלעך דאָוויד. דו פֿאַרשטייסט, וועגן וואָס איך רעד צו דיר? — און נאָך דאָדיקס „יאָ" האָט ער פֿאַרגעזעצט, — איז לאָמיר זיך צונויפֿרעדן: באַקומסטו אַ „פֿינף", צי אַ „פֿיר", פֿאָרסטו מיטן ליפֿט, באַקומסטו עפּעס נידעריקער, — טראָג זיך אַרויף צופֿוס אויף דײַן זיבעטן עטאַזש...

דאָדיק עפֿנט פֿאַרזיכטיק די פּאַראַד־טיר. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן דעם טיש, נאָך ניט גלײַבנדיק אין אַזאַ מין אומגעריכט מאַזל. דער אַליומינענער שטעקן שטייט, צוגעשפּאַרט צום בענקל, און דעם פֿעטער דאָוויד זעט מען ניט.

דאָדיק שטייט אַ ווײַלע צווישן דעם טיש און דער טיר פֿונעם ליפֿט, און דערנאָך לויפֿט ער אַרויף־צו, אויפֿן זיבעטן עטאַזש.

●

---

[1] מענטשן מיט אַלצייגע נעמען (רוס.).

דער מאטראץ

ארן האָט הײַנט געארבעט דעם ערשטן טאָג נאָכן אומקערן זיך פון כארקאָוו. פיר יאָר האָט ער זיך הינטער־אויגיק געלערנט אין א כארקאָווער טעכניקום, און הײַנט קאָן מען סאָפּקאָלסאָף פרײַ אָפּעטעמען: אהיים האָט ער זיך אומגעקערט שוין מיט א דיפּלאָם.

קיין גרינגע זאך איז דאָס ניט געווען — זיך לערנען אין אזא עלטער. וויפל האָט ער זיך אָפּגעמאטערט בלויז מיט פראנצויזיש! בעסער וואָלט עס שוין געווען דײַטש. בײַס דער מילכאָמע פלעגן דאָך די דײַטשן פארשטיין זײַן יידיש... אָבער פאר אן אינטערנאציאָנאל לאָשן בא פארבינדלער האָט מען אפצולאָכעס אויסגעקליבן פראנצויזיש.

ארן האָט איצט איבערגעקליבן אין געדאנק די מענטשן, מיט וועמען ער קאָן טיילן זײַן פרייד. אף דער ארבעט האָט מען אים, פארשטייט זיך, באגריסט, אָבער אין אלגעמיין האָט זיך אים געדוכט, אז ווייניק־וועד האָט פארשטאנען דעם איקער: מיטן באקומען דעם דיפּלאָם וועט זיך בא אים אָנהייבן גאָר א נײַלעבן. און דאָ האָט לוקיאנאָוו, מיט וועלכן ער ארבעט שוין זײַט בא זײַט אן ערעך צוואנציק יאָר, אים פּאָשעט א קלאפּ געטאָן איבערן אקסל:

— אראָן! ביסט א מאָלאָדעץ. פון דיר קומט.

און סאָף טאָג האָט ארענען ארויסגערופן דער נאטשאלניק, לאנג געדריקט אים די האנט און דערנאָך באוויזן דעם באפעל, אין וועלכן ס'איז אָנגעדרוקט, אז זײַן געהאלט ווערט גרעסער אף א צענערל.

פאניע, ארנס ווײַב, האָט אים נעכטן אפדערנאכט אויך באגעגנט ניט אזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. זי האָט זיך מיטאמאָל צעוויינט. און נאָך א געהעריקער פאר אזא מין פאל פאָרציע טרערן האָט זי געזאָגט:

— דאנקען גאָט. עפּשער וועלן מיר אָנהייבן לעבן ווי מענטשן: אָן קאָנ־טראָלנע און קורסאָווע שרײַבעכצן, אָן די שיידים וויסן וואָס...

נאָכן ארבעטסטאָג האָט ארן באַשלאָסן, אַז מע דאַרף ארײַנגיין צום פּעטער מאָטל. אים וועט געוויס זײַן אָנגענעם צו דערוויסן זיך, אַז זײַן פּלימעניק איז שוין א געקאָנטשעטער ספּעציאַליסט. נאָך דער מילכאָמע זײַנען פון דעם גאַנצן גרויסן געזינד, וואָס האָט געטראָגן די פאַמיליע באַלעגאַלע, געבליבן נאָר זיי, ארן און דער פּעטער מאָטל. עמעס, בלויז בא ארענען האָט זיך פאַרהיט די פאַמיליע, וועלכע ס'האָט געטראָגן זײַן זיידע פײַוול דער באַלעגאָלע, מאָטל אָבער איז נאָך אין די פאַרמילכאָמעדיקע יאָרן געוואָרן מאַטוויי פּראָלאָוויטש בעלאָגאָר. פּײַוולס שאָכן לייזער סיטשקאַרניק האָט דעמלט געוויצעט מאָטלען, ער זאָל מער ניט גיין אין באָד אַרײַן, אין אַף מאָטלס „פּאַרוואָס" האָט לייזער אים געענטפערט, אַז אין באָד זעט מען גלײַך, ווער עס איז באַלעגאָלע און ווער עס איז בעלאָגאָר...

דער פּעטער מאָטל האָט אליין געעפנט ארענען די טיר.

— ביסט געקומען צו דער צײַט. בא אונדז איז דאָ א גאַנצע איבערקע־רעניש.

— וואָס פאַר אַן איבערקערעניש?

— מיר האָבן געקויפט א גאַרניטור. גיב נאָר א קוק, וואָס פאַר א שיינקײַט. דער גאַרניטור איז געווען טאַקע א רײַכער.

— ארן, האָסט זיך ארײַנגעפּאַקט. העלף אונדז צעשטעלן דאָס מעבל. אינדרײַען מיט סערגייען וועלן מיר דאָס מאַכן אין איין אָטעם.

דער „איינער אָטעם" האָט געדויערט א פּאָר שאָ. באַם פּעטער איז געווען א קראַנק האַרץ, דערפאַר האָבן ארן און סערגיי, מאָטלס זון, אינצווייען איבער־געשלעפּט אַלע זאַכן.

און דאָ, שוין צום סאָף, קומט די מומע סימע, מאָטלס ווײַב, און הייבט אָן אײַנריידן דעם פּלימעניק, ער זאָל „נעמען" בא זיי דעם מאַטראַץ פונעם אַלטן בעט. זי שיט אַזוי מיט ווערטער, אַז ארן קומט צו־זיך ערשט אַף די טרעפּ מיטן מאַטראַץ אַף דער פּלייצע.

דער מאַטראַץ איז א שווערער. לעכאַטכילע איז נאָך געווען נישקאָשע, אָבער אַראָפּלאָזנדיק זיך פונעם דריטן עטאַזש, איז ארן שוין געווען גוט פאַר־מאַטערט. ביזן טראַמווײַ־אָפּשטעל האָט ער זיך קוים דערשלעפּט. ס'איז נאָך געווען א גליק, וואָס די פּיק־צײַט איז שוין דורכגעגאַנגען און איינער א יונ־גערמאַן האָט אים געהאָלפן אַרײַנוואַרפן דעם מאַטראַץ אין וואַגאָן.

מיט איין האַנט האָט אַרן אונטערגעהאַלטן דעם מאַטראַץ, און מיט דער צווייטער אַרויסגענומען אַ טיכל און אויסגעווישט דאָס פּאָנעם. ער האָט געפילט אַ קאַס, נאָר געוואָלט מיט אים ניט צופרידן. מיט וואָס, פרעגט זיך, איז שולדיק אָט דער דאָזיקער קאַסטן מיט פּרוזשינעס? און וואָס זיינען שולדיק דער פעטער אָדער די מומע, אַז ס'איז זיי געלונגען קריגן דעם גאַרניטור מיט אַ גרויסאַר־טיקן בעט־דיוואַן, און דער מאַטראַץ מיט די אַליין־געמאַכטע פּיסלעך איז זיי געוואָרן איבעריק? און ער, אַרן, האָט אים דאָך באַקומען האַלב אומזיסט — פאַר אַ צענערל, מיט די אַליין־געמאַכטע פּיסלעך אינאיינעם.

עמעס, די מומע סימע האָט געוואָלט איבערלאָזן די פּיסלעך — מאַלע ווו זיי קאָנען נאָך צוניץ קומען. אָבער די פּיסלעך זיינען צוגעקלאַפּט מיט צו גרויסע טשוועקעס, דערצו נאָך פאַרדרייטע באַ די שפּיצן, אַזוי אַז פאַר אַ האַלבער שאָ האָבן אַרן און סערגיי קוים אָפּגעבראָכן איין פּיסל. אַרן האָט זיך גענומען פאַרן צווייטן, אָבער דער פעטער האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— כאַפּט זיי דער רוען! נעם שוין מיט די פּיסלעך אינאיינעם...

איצט ליגט דאָס צעקאַליעטשעטע פּיסל באַ אַרענען אין דער קעשענע, און דער מאַטראַץ שטייט ווי אַן אינוואַליד און שאָקלט זיך אינאיינעם מיט די עטלעכע פּאַסאַזשירן פונעם טראַמוויי.

אַרן האָט ליב געהאַט פאָרן מיטן טראַמוויי. דאָס איז געבליבן באַ אים נאָך פון די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן. דעמאָלט האָט ער ערשט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער מיליטאַריזירטער קאָמאַנדע, וועלכע רופט זיך „באַזונדערע פאַרבינדונג" און זי פאַרנעמט זיך מיט איבערפירן קאָסטבאַרע און וויכטיקע זאַכן. דער פעלדיעגער טאָר זיך ניט באַנוצן מיטן שטאָטישן טראַנספּאָרט: אָדער פאָרן אין אַ באַזונדערער מאַשין, אָדער גיין צופוס. מיט קינאָ פלעגט ער קוקן אויף די מענטשן, וואָס גייען אַרום אָן אַ נאַגאַן און קאָנען אַריינשפּרינגען אין אַ טראַמוויי און פאָרן...

— דאָס איז אייער מאַטראַץ? — האָט ער פּלוצעם דערהערט.

לעבן אים איז געשטאַנען אַ קליינוווקסיקער מאַנצבל מיט אַ פּלאַנשעט איבערן אַקסל.

— יאָ, מיינער.

— איר ווייסט וועגן דעם, אַז אַזעלכע זאַכן טאָר מען ניט אַריבערפירן אין טראַמווייען?

— און וואָס אַרט עס אייך?

— וואָרעם איך בין אַ קאָנטראָליאָר. — אַרן האָט באַמערקט און אָרעמ־באַנד אויף זײַן לינקן אָרבל. — באַצאָלט אַ רובל שטראָף און גייט אַרויס מיטן מאַטראַץ אײַנײַנעם.

— עפשער קאָן מען באַצאָלן דעם רובל און ניט אַרויסגיין? גיט נאָר אַ קוק — דער וואַגאָן איז דאָך קימאַט פוסט. וועמען שטער איך?

— ניין. די אַלטע שמאַטע איז צו גרויס. זי איז נאָך מיסטאָמע אָנגעשטאָפּט מיט וואַנצן. טראָגט אַרויס דאָס אַלטוואַרג.

— אַליין קאָן איך ניט.

דער קאָנטראָליאָר האָט אונטערגעכאַפּט דעם מאַטראַץ, און אינצווייען האָבן זיי אים אַרויסגעטראָגן פונעם וואַגאָן.

„נאָך פיר אָפּשטעלן און איך וואָלט געווען אינדערהיים", — האָט אַ טראַכט געטאָן אַרן. די צוויי מאַנצבלען זײַנען געשטאַנען אין דער פינצטערניש און פון ביידע זײַטן געהאַלטן דעם מאַטראַץ. אַרום דעם טראַמוויי־אָפּשטעל זײַנען געווען רויִנען פון אַלטע ליים־שטיבלעך. שוין עטלעכע כאַדאָשים. ווי מע האָט אָנגע־הויבן אַראָפּטראָגן די אַלטע קוואַרטאַלן אַרום דעם צענטראַלן מאַרק. אויפן אָרט פון אייניקע שטיבלעך האָט מען שוין אַפילע באַוויזן צוגרייטן עטלעכע קאָטלאָ־וואַנען פאַר נײַע פילשטאָקיקע הײַזער.

— אָט איז דער שטראָף... — אַרן האָט דערלאַנגט דעם קאָנטראָליאָר אַ רובל.

דער קאָנטראָליאָר האָט גענומען דאָס געלט, געעפנט דעם פּלאַנשעט, אַרויסגענומען אַ ביכעלע מיט קוויטלעך, אָפּגעריסן דאָס אייבערשטע בלעטל און געגעבן אַרענען:

— מע דאַרף דאָ אָנשרײַבן אײַער פאַמיליע, אָבער ס'איז אַזוי פינצטער, אַז איך זע גאָרניט.

— דאָס פּאַפּירל פעלט מיר נאָך אויס! העלפט מיר בעסער אָפּטראָגן דעם מאַטראַץ אין די רויִנען.

— צוליב וואָס?

— ער איז מיר נימעס געוואָרן... און מיסטאָמע איז די שמאַטע טאַקע פול מיט וואַנצן.

— לעבט ניט איבער. לאָמיר פּרוּוון אָפּשטעלן אַ מאַשין. און פון די וואַנצן, אויב זיי זײַנען אַפילע דאָ, קאָן מען דאָך פּאָטער ווערן.

— ניין, ווײַטער וועל איך אים ניט שלעפן. ווילסט מיר ניט העלפן, דאַרף מען ניט. כ׳וועל אַליין אָפּטראָגן.

און ארן האָט זיך גענומען שלעפּט דעם מאטראַץ.

— וואַרט אָפּ, — האָט אים אָפּגעשטעלט דער קאָנטראָליאָר, — איך טאָר פּאָשעט ניט שלעפּן שווערקײַטן. אָבער מײַלע...

זיי האָבן אָפּגעטראָגן דעם מאטראַץ צו די נאָענטסטע רויִנען און אים אַ וואָרף געטאָן צווישן דעם מיסט.

אהיים איז ארן אוועקגעגאַן צופוס. ער איז פּאָטער געוואָרן פון דער מאַסע, און גיין איז געווען גרינג און אָנגענעם, ער האָט אפילע ניט באַמערקט, אַז אין דער קעשענע ליגט נאָך אַלץ דאָס אָפּגעבראָכענע פּיסל.

א צימער מיט א הויכער סטעליע

אויב אין מאָסקווע אַרויסגיין פון דעם קורסקער וואָקזאַל, דורכשנײַדן מיטן אונטערערדישן איבערגאַנג די טשקאַלאָוו־גאַס, פאַרקערעווען אויף רעכטס, פאַרבײַ די אײַזנבאַן־קאַסעס און דעם קינאָ־טעאַטער „זוועזדאַ“, קומט מען אַרויס צום ראָג פון דעם גאַידאַר־געסל. דאָס געסל האָט מען אין די לעצטע יאָרן א ביסל באַנײַט מיט מאָדערנע הײַזער, אָבער אינגאַנצן איז עס געבליבן קימאַט אַזאַ, ווי פריִער, ווען ריטע איז געקומען קיין מאָסקווע. זי האָט זיך דעמלט פאַרפלאָנטערט. פאַרקערעוועט ניט אויף רעכטס, ווי די מומע עמע האָט איר געשריבן, נאָר אויף לינקס. אַזוי איז זי דערגאַנגען ביז דער אָבוך־גאַס, וווּ א פרוי אין א גרינער שליאַפּקע (ריטע געדענקט נאָך איצט די שליאַפּקע מיט דעם לאַקירטן באַנטיק) האָט איר גאַנץ טרוקן דערקלערט, אַז צום גאַידאַר־געסל קאָן מען קומען פיל גיכער, אויב גיין אין דער קעגנבערדיקער ריכטונג.

ריטע האָט זיך שיִער ניט צעוויינט. ס׳האָט זיך ניט געוואָלט ווידער שלעפּן דעם טשעמאָדאַן און דאָס קוישל, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט לערנביכער, גערויכערטע פישלעך און היימישן אײַנגעמאַכטס. דערצו נאָך האָט שטאַרק זיך געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון די פיס די נײַע, אָפּענע פון הינטן באַ די פּיאַטעס זומער־שיכעלעך, וועלכע מע האָט באַ זיי אין שטאָט גערופן „קיין טראָט צוריק“.

דאָס הויז איז געשטאַנען קימאַט אויפן ראָג. ריטע איז אַרײַן אונטער דער אַרקע, דאָרט, וווּ ס׳איז צוגעקלאַפּט דער גאַסן־אָנווײַזער מיט דער ציפער „8“, און איבער שמאָלע טרעפּ אַרויפגעקומען אויפן דריטן שטאָק. זי האָט באַקוקט די

לאנג ניט געקאַלכטע ווענט, די טירן מיט אָפּגעפּאַלענער פאַרב און די אַרויסגעשטעלטע צינקעווע עמערס מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ. די טרעפּ זײַנען געווען דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון שפּײַז, וועלכע מע האָט דאָ געגעסן הײַנט, מיט א כוידעש צוריק, מיט א יאָר און עפּשער מיט הונדערט יאָר צוריק...

קיין קנאָפּקע פונעם גלעקל האָט ריטע ניט געפונען. ס'איז אויסגעקומען קלאַפּן אין דער טיר, ביז פון יענער זײַט האָט עמעצער אָנגעהויבן כקריפּען מיט אַן אַלטן „ענגלישן" שלאָס.

אין א שמאָלן שפּאַלט פון דער טיר, וועלכע האָט זיך פאַרהאַלטן מיט א דיק קייטל, האָט זיך באַוויזן א זקײנישע נאָז און א גלעזל פון רונדע ברילן:

— ווער האָט אײַך צוגעשיקט? איר זײַט פון די עסערן?

— ניין, איך בין פון בערדיאַנסק, — האָט זיך פאַרלוירן ריטע.

די נאָז האָט געשוויגן, באַטראַכטנדיק דורכן שפּאַלט דאָס מיידל אין די גאָלדיקע זומער־שיכעלעך.

— פאַניעטשקע, צו וועמען קוקסטו דאָרט אַרויס? — האָט זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר.

— איך מיין, מאַניעטשקע, אַז ס'איז עמעצער פון דער אָכראַנקע, — האָט געענטפערט די נאָז, קוקנדיק נאָך אַלץ אויף ריטען.

די טיר האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט. בא דער שוועל זײַנען געשטאַנען צוויי אַלטיטשקע.

— איר זוכט עמעצן, באַרישניע? — האָט געפרעגט די ייִנגערע, ווי ריטע האָט פאַרשטאַנען, — מאַניעטשקע.

— יאָ. פּיאָדאָראָוו לעבט דאָ?

— פּיאָטער ניקאָלײַעוויטש? פאַרשטייט זיך.

— איך בין זײַן פּלימעניצע. פינקטלעכער...

— וואָס זשע שטייט איר? קומט אַרײַן, — מאַניעטשקע איז צוריקגעטראָטן, כדי דורכלאָזן ריטען, — ווער האָט אײַך, טײַערע, געשיקט אַהער מיטן הינטער־אַרײַנגאַנג? איר האָט אַזוי איבערגעשראָקן מײַן שוועסטער...

קימאַט גלײַך פון דער טיר זײַנען זיי אַלע אַרײַנגעקומען אין א היפּשער קיך מיט צוויי גאַז־פּליטקעס, און פון דער קיך — אין א ברייטן קאָרידאָר. די ערשטע איז געגאַנגען מאַניעטשקע. נאָך איר האָט מיט די לעצטע קויכעס געשלעפּט דעם טשעמאָדאַן און דאָס קוישל ריטע. מאַניעטשקע איז געבליבן שטיין בא דער טיר פונעם הינטער־אַרײַנגאַנג.

— אָט איז זייער צימער, — האָט זיך אָפּגעשטעלט מאַניעטשקע, — אָבער סײַ פּיאָטער ניקאָלײַעוויטש, סײַ עמעטשקע זײַנען אױף דער אַרבעט. שטעלט דאָ אַוועק אײַערע זאַכן. זיי וויסן, אַז איר דאַרפֿט קומען?

— יאָ, אָבער זיי ווייסן ניט, אַז גראָד הײַנט. עפּשער וועל איך אָנקלינגען?

— ביטע, קלינגט.

אַ גרױסער שוואַרצער טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט איז געשטאַנען אױף אַ פּאָליצע אין אַ פֿאַרטיפֿונג פֿונעם קאָרידאָר. די מומע עמע האָט זיך אָנגעוואָרפֿן אױף ריטען, פֿאַרוואָס זי האָט ניט געגעבן צו וויסן פֿון פֿריִער וועגן איר קומען.

— איך וואָלט איבערגעלאָזט דעם שליסל בײַ מאַריאַם אַבראַמאָוונען, — ריטע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוי רופֿט מען מאַניעטשקען, — פֿריִער פֿון פֿיר אַזייגער וועל איך סײַווי ניט קומען. ווי וועסטו זיך אַרומדרייען אַזוי לאַנג? ביסט דאָך מיסטאָמע הונגעריק, — האָט געשריִען אינעם טרײַבל די מומע עמע.

— נעמט זיך ניט צום האַרצן, מומע, כ'וועל דערווײַל אָפּגעבן די דאָקומענטן.

— און דו ווייסט, ווו דער אינסטיטוט געפֿינט זיך?

— בײַ מיר איז פֿאַרשריבן. מעטראָ „קראַסנאָסעלסקאַיאַ".

ווען ריטע איז אַרויס פֿונעם מעטראָ, האָט זי באַשלאָסן זײַן קליגער און גלײַך זיך אָנפֿרעגן, וויאַזוי דורכגיין צום אינסטיטוט. דאָרע, דעם פּאָטערס אַ ווײַטע קרויווע, האָט ערעװ ריטעס אָפּפֿאָרן געגעבן איר אַן אײַצע צו פֿרעגן דעם וועג נאָר בײַ אַלטע לײַט. די יונגע לױפֿן, ווי אונטערגעשאָסענע, אָדער זיי ווייסן גאָרניט. דאָרען קאָן מען גלייבן, זי האָט אַ רײַכע מאָסקווער דערפֿאַרונג. אין שטאָט האָבן אַלע זי געקענט ווי דאָרע די ספּעקוליאַנטקע. קיין מאָסקווע פֿלעגט זי אָפּט פֿאָרן „נאָך סכוירע". ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז די מאַמע האָט איבערגעשיקט מיט איר פֿאַר דער שוועסטער אַ ביסל פֿיש צי אַן עמער מיט פֿרוכטן, האָגאַם דער טאַטע, וואָס האָט מיט עקל צוגעזען די געשעפֿטן פֿון זײַן קרויווע, איז געווען קעגן וועלכער־ניט־איז טויווע פֿון איר זײַט.

ריטע איז באַלד צוגעגאַן צו אַ זאַקן, בײַ וועמען דער אײַלנדיקער האַמוין האָט געהאַלטן אין איין פֿאַרטשעפּען און צעשאָקלען דאָס קוישל מיט אַ לעבל ברויט:

— איר וועט מיר ניט אונטערזאָגן, וויאַזוי דורכגיין צום פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט?

— איר מיינט אוואדע דעם אינסטיטוט אף פּאַטיאָמקינס נאָמען...

— עפּשער.

— ער איז דאָ ניט ווייט.

ריטע האָט פאַרשטאַנען, אַז אַליין וואָלט זי דעם אינסטיטוט בעשום־אופן ניט געפונען. זי האָט געטראַכט דערוועגן א ריזיקע געביידע, און דאָ, פאַרבאַ־האַלטן הינטער ביימער, איז געשטאַנען אַן אומבאַמערקט אַלט הויז. ווען ניט די שילד, וואָלט זי געמיינט, אַז דאָס איז אַ שול פאַר קינדער.

אין ענגן וועסטיביול איז געזעסן א פרוי אין א שוואַרצן כאַלאַט. זי האָט געגרן דערקלערט ריטען, אַז דאָ געפינען זיך בלויז צוויי פאַקולטעטן, דער ענגלי־שער און דער ראָמאַנאָ־גערמאַנישער, און די דאָקומענטן נעמט מען אָן אין דער הויפּט־געביידע, וואָס געפינט זיך לעבן מעטראָ „פּרונזענסקאַיאַ". כּוץ דעם, דאַרף אַזאַ באַשיידן מיידל ביכלאַל ניט סטאַרען זיך אַנקומען אַפן „איניאַז", ווו יעע פּירט זיך אויף אַזוי ווי מע וויל:

— גיב נאָר א שמעק, — האָט זיך געקלאָגט די פרוי, — שוין א כוידעש לערנט זיך דאָ קיינער ניט, און סיײַוי איז אַלץ דורכגערוכערט, ווי אין א קאַזאַרמע. בייס די האַפסאַקעס קאָן מען פּאַשעט ניט אַרייַנגיין אין די טואַלעטן.

די מומע עמע האָט שוין געוואַרט אף ריטען.

— ביסט א מאָלאַדיעץ, — האָט זי גענומען קושן זיך מיט איר און אַריינ־געשלעפּט זי אין צימער, — איך פלעג טאָמיד זאָגן ראָזען, אַז דו מיט דיין קאָפּ דאַרפסט זיך לערנען בלויז אין מאָסקווע. נו, אַרדן זיך איין. באַלד וועט קומען פּיאַדאָראָוו, וועלן מיר עסן.

ריטע האָט זיך צוגעזעצט אף א דיוואַן. די מומע האָט עפּעס גערעדט וועגן דעם גרויסן מאָלער איסאַק בראָדסקי און וועגן דעם לייטענאַנט שמידט, וועלכע שטאַמען אויך פון בערדיאַנסק, וועגן דעם, אַז זי קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר א מאָגן קאָן אויסהאַלטן די ביטערע וואַסער פונעם טייך בערדע, וועגן די פישלעך „ביטשקעס", וואָס ווערן טייערער און טייערער...

ווען ריטע האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי דערזען באַם טיש די מומע, דעם פעטער און מאַריאַם אַבראַמאָוונען מיט איר שוועסטער.

— נו, פּעפּערקע, שטיי שוין אוף, — האָט פריילעך אויסגעשריגן דער פּע־טער, — אַדער מיר וועלן אַליין אופעסן אַלע דיינע ביטשקעס.

— ריטאָטשקע, די פּיש זײַנען פּאָשעט מעכײַעדיקע, — האָט מיט היספּײַלעס געטרייסלט מיט א פּישל מאַריאם אבראַמאָװנע. — איר װײסט, טײַערע, איך און פאַינע אבראַמאָװנע זײַנען אויסגעװאַקסן אין קערטש. דערפאַר זײַנען פּיש פאַר אונדז די בעסטע אכילע. איך בין גערעכט, פאַניעטשקע?

פאַינע אבראַמאָװנע האָט עפּעס א מורמל געטאָן און איז ארויסגעלאָפן פונעם צימער.

— זי איז געװאָרן אומדערטרעגלעך. — מאַריאם אבראַמאָװנע איז אופגעשטאַנען, — מע דאַרף גיין. איך האָב מוירע איבערלאָזן זי אליין. ס'קאָן זײַן, אז די אויװערבאָטלטקײַט איז פאַרטראַכט געװאָרן װי א שוק־רעאַקציע פון דער שרעק פאַרן נאָענטן טויט... — זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און איז געבליבן דאָרט שטיין, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גלײַך װי זי װאָלט געװען ניט מאַסקים מיט עפּעס א געדאַנק. — איר װײסט, װען איך װאָלט ניט דורכגעלעבט מיט פאַניעטשקען קימאַט דאָס גאַנצע לעבן, װאָלט איך איצט באַשלאָסן, אז בא איר איז אן אײַנגעבוירענע אכזאָריעסדיקײַט צו מיר. די לעצטע טעג פּײַניקט זי מיך מיט צופּיל שפּראַכן. מיטאַמאָל הייבט זי אָן ריידן אַף דײַטש אין אַף פראַנצויזיש... דאָס איז נאָך נישקאָשע. די דאָזיקע שפּראַכן, דאַנקען גאָט, געדענק איך נאָך גוט, אָבער אז זי נעמט זיך צו לאַטײַן אָדער אלטגריכיש... און (װען איז דאָס פאָרגעקומען, נעכטן צי אייערנעכטן?) — אַף העברעיִש... שטעלט זיך פאָר, איך האָב אפילע ניט געװוּסט, אז זי געדענקט די אלע שפּראַכן! אָבער אנטשולדיקט, — איז זי פּלוצעם װי מעװוּלבל געװאָרן, — א גרויסן דאַנק אײַך, עמעטשקע, פּיאָטער ניקאָלײַעװיטש, און אײַך, ריטאָטשקע. א גוטע נאַכט! — און איז אװעק.

דער פּעטער האָט, ניט אײַלנדיק זיך, אויסגעטרונקען דאָס ביסל ביר, װאָס איז געבליבן אַפן דעק פון זײַן גלאָז.

— דו קאָנסט זיך, ריטע, אפילע ניט פאָרשטעלן, װאָס דאָס איז געװען פאַר א מענטש נאָך מיט צװיי יאָר צוריק, װען מיר זײַנען ארײַנגעפאָרן אין אָט דער דירע. בלויז מיט צװיי יאָר צוריק! — דער פּעטער האָט א מאַך געטאָן מיט דער גלאָז, װעלכע ער האָט נאָך אלץ געהאַלטן אין דער האַנט, — אפילע צוריק מיט א יאָר פלעגט עמע אלעמאָל לויפן צו איר נאָך אייצעס. פאַינע אבראַמאָװנע, זאָלסטו װיסן, איז געװען א גלענצנדיקער גינעקאָלאָג...

— הער שוין אוף צו באַלבען! — האָט אים איבערגעשלאָגן די מומע. — דײַנס האָסטו שוין הײַנט געזאָגט.

דער פּעטער האָט אַ פּרוּוו געטאָן אַרומנעמען דאָס ווײַב, אָבער זי איז אָפּגעשפּרונגען ווײַטער פֿון אים, אַפֿן אָרט, וווּ פֿריִער איז געזעסן פֿאַינע אַבראַמאָוונע.

— וועגן דעם, אַז אַפֿן בערדיאַנסקער פּליאַזש האָב איך אונטערגעקליבן אַ ניט גענוג פֿילבאַרע פֿרוי, האָב איך גלײַך פֿאַרשטאַנען... — דער פּעטער האָט שפּילעוודיק אָנגעבלאָזן פּולע באַקן און אַ סווישטשע געטאָן, — ווי געפֿעלט עס דיר? — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו ריטען, — מע האָט מיר הײַנט פֿאַרגעלייגט אַריבערפֿאָרן אויף צוויי יאָר קיין נאָרילסק. אונדזער אינסטיטוט עפֿנט דאָרט אַן אָפּטייל, און מיט קאַדרען איז שוואַך. פֿרעגט זיך, וואָס איז עס שלעכט? צו יענער צײַט וועלן מיר באַקומען אַ דירע, און דאָ וועט דערווײַל באַלעבאַטעווען ריטע, — דער פּעטער האָט שוין גערעדט צו דעם ווײַב, — וואָס ווילסטו נאָך?

— איך וויל שוין גיין שלאָפֿן, — די מומע האָט אָנגעהויבן צונויפֿקלײַבן די טעלער.

ריטען האָט מען אויסגעבעט אויף דעם זעלבן דיוואַן, וווּ זי איז פֿריִער אַזוי אומגעריכט אײַנגעשלאָפֿן.

הינטער דעם דיקטענעם שיידוואַנטל, מיט וועלכן דער פּעטער האָט צעטיילט דעם גרויסן גאַסט־צימער, האָבן זיך שטיל געאַמפּערט דער פּעטער מיט דער מומען. אויף דער הויכער סטעליע האָבן זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן די שײַן־פֿלעקן, וואָס זײַנען אַרײַנגעדרונגען פֿון די אַנטקעגנשטייענדיקע הײַזער. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט דער גאַנצער צימער אַ ציטער טאָן, און די ראָזעווע פֿאַרצעלײַענע באַלערינקע אויפֿן צוגעדעקטן מיט אַ בײַקעווען סערוועטל טעלעוויזאָר פֿלעגט נאָך אַ ווײַלע טאַנצן אינעם ריטם פֿון די באַנען, וואָס פֿלעגן זיך דורכטראָגן אין די טונעלן פֿונעם מעטראָ אונטער די הײַזער פֿון דעם געסל...

דער רעגן האָט אָנגעהויבן גיין נאָך באַנאַכט, און דעם רייס קיין נאָרילסק האָט מען דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד אָפּגעלייגט אויף אַ שאָ־אַנדערהאַלבן. אין דעם גאַידאַר־געסל האָט זיך ריטע אומגעקערט שוין אָפּדערנאַכט.

זי האָט זיך צוגעזעצט אַפֿן דיוואַן, באַטראַכט דעם צימער. אַ גאַנצער טאָג וועט געוויס אוועקגיין אויף ברענגען אים אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד. אָבער מיט דעם קאָן מען זיך ניט אײַלן. סײַווי וואַרט זי אויף קיינעם ניט. כאָטש דער פּעטער

האָט זיך געכאַפּט, אַז, האָבנדיק אַזעלכע אַפּאַרטאַמענטן, דאַרף זי שפּעטער זײַ אַרויסגײן באַגעגענען מיט אַ כאָסן...

פֿאַר די צוויי וואָכן, וואָס זי לערנט זיך, האָט זי נאָך מיט קיינעם פֿון די מיידלעך זיך ניט צונויפֿגעכאַוועט. אין דער גרופּע, אויסער איר, זײַנען פֿאַראַן אַנדערע צען מיידלעך, מאָסקווער, און זי הערט ניט אויף מוירע צו האָבן, אַז בײַשטיקע לאַכן זיי אויס איר דאָרעמדיקע אויסשפּראַך.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— איך שטער אײַך ניט? — איז געווען נײַגעריק צו וויסן מאַריאַם אַבראַ־מאָוונע. — כ'האָב זיך שוין באַוואָרנט. איר זײַט דאָך אָוועקגעפֿאָרן נאָך אײַ־דערפֿרי... וואָס איז דאָס, איר וויינט?

— איך האָב אַפֿילו ניט באַמערקט, — מיט די פֿינגער האָט ריטע אָנגעטאַפּט בײַ זיך די טרערן, — מיר איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי שרעקלעך...

מאַריאַם אַבראַמאָוונע האָט זיך צעלאַכט.

— באַליידיקט זיך ניט. איך האָב זיך פֿאַשעט דערמאָנט, ווי מיט, קאָן מען זאָגן, טויזנט יאָר צוריק בין איך געזעסן אָט אַזוי אין מײַן פּעטערבורגער צימער און געוויינט, ווײַל אין דער גאַנצער שטאָט איז דעמאָלט בײַ מיר געווען בלויז איין באַקאַנטער — דער קופּערגער רײַטער. ווייסט איר וואָס, לאָמיר טרינקען טיי. פֿאַינע אַבראַמאָוונע כאַפּט אַ דרעמל. איך ווייס, אַז איר האָט וווּנדערלעכע געשמאַקן אײַנגעמאַכטס פֿון גאַניידן־עפּעלעך. באַלד וועל איך ברענגען טיי, און איר נעמט אַרויס דאָס אײַנגעמאַכטס.

מאַריאַם אַבראַמאָוונע האָט געטרונקען טיי, קרעכצנדיק אַזש פֿון פֿאַרגעניגן.

— איר ווייסט, ריטאָטשקע, פּונקט אַזאַ אײַנגעמאַכטס האָט געפּרעגלט מײַן מאַמע. זי פֿלעגט מיר אויך איבערשיקן וואַרעניע און פֿיש. אַזוי אַז אַלץ כאַזערט זיך איבער.

— פֿאַינע אַבראַמאָוונע האָט זיך אויך געלערנט אין פּיטער?

— יאָ. אָבער ערעוו מײַן אָנקומען אַהין האָט מען זי אַרעסטירט. אינגאַנצן אומגעריכט. פֿאַר אונדז, פֿאַרשטייט זיך. ניט איך, ניט די עלטערן האָבן דעמאָלט ניט געהאַט קיין אַנונג, אַז זי איז אַ רעוואָליוציאָנערקע.

— איר זײַט אויך געווען אַ רעוואָליוציאָנערקע?

— דאָס איז שוין געווען שפּעטער, ווען פֿאַניעטשקע איז געקומען פֿון דער עמיגראַציע. זי האָט מיך, ווי מע זאָגט הײַנט, אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט. אַגעוו, איך דאַרף אַ קוק טאָן, צי זי איז נאָך ניט אויפֿגעשטאַנען.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך מאַריאַם אַבראַמאָוונע אומגעקערט.

— זי שלאָפֿט, אַזוי אַז מיר קאָנען נאָך אַ ווײַלע זיך שושקען. כאָטש, עמעס, איר, ריטאָטשקע, שווײַגט, און איך מוטשע אײַך מיט אוראַלטע מײַסעס...

— איר קאָנט זיך אַפֿילו ניט פֿאָרשטעלן, ווי אינטערעסאַנט ס׳איז מיר. איך האָב אַזאַ געפֿיל, אַז איך רעד מיט אַ...

— מיט אַ דינאָזאַווער, — האָט זיך צעלאַכט מאַריאַם אַבראַמאָוונע. זי האָט אָבער באַמערקט ריטעס צעמישטקייט און צוגעגעבן, — אַמאָל האָב איך אויך אַזוי געקוקט אויף די פּאַלקיסטן.

— מאַריאַם אַבראַמאָוונע, און פֿאַרוואָס האָט פֿאַינע אַבראַמאָוונע דערמאָנט, אינעם ערשטן טאָג, געפֿרעגט בײַ מיר, צי איך בין ניט פֿון די עסערן?

מאַריאַם אַבראַמאָוונע האָט פֿריילעך אַ קוק געטאָן אויף ריטען.

— מיסטאַמע זײַט איר, ריטאָטשקע, טאַקע אַ טיפּישע עסערקע־טעראָריסטקע. איך שפּאַס, פֿאַרשטייט זיך. בײַ אונדז זײַנען טאַקע אינדערעמעסן געווען באַקאַנטע עסערן. באַזונדערס, אײַנער. — זי האָט אַ ביסל צוגעזשמורעט די אויגן, גלײַך ווי זי וואָלט געקוקט ערגעץ ווײַט, — אַרנאָלד. ער האָט אויך געשטאַמט פֿון קערטש. דער טאַטע זײַנער איז געווען בײַ אונדז צווישן די ערשטע גווירים. מע קאָן זאָגן, אַן אינטעליגענטער סוחר. אונדזער פֿאָטער האָט אַלע יאָרן געאַרבעט בײַ אים אַלס הויפּט־בוכהאַלטער. האַקיצער, איר האָט געפֿרעגט וועגן די עסערן — אַרנאָלד איז געווען אַן עסער... עמעס, ס׳האָט אים געוואָרפֿן אין אַלע זײַטן. אָנגעהויבן האָט ער ווי אַ מענשעוויק, דערנאָך — אַן עסער. שפּעטער האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין די אידייען פֿון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, געווען אַזאַ פּאַרטיי. מיט וואָסערע אידייען זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן, האָב איך דעמאָלט ניט פֿאַרשטאַנען, און הײַנט געדענק איך שוין אינגאַנצן ניט יענעם מעשונעדיקן געמיש. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, נאָר ניט לאַנג פֿאַר דער רעוואָליוציע איז אַרנאָלד אַוועקגעפֿאָרן צו פּראָפּאַגאַנדירן די דאָזיקע אידייען קיין ווײַסרוסלאַנד. פּינסק, האָמעל — אָט יענע ערטער. אין מעשעך פֿון אַ כוידעש, צי צוויי כאָדאָשים האָט ער זיך געגרייט, שטודירט יידיש. מיט יידיש איז בײַ אים געווען קימאַט אַזוי, ווי בײַ מיר הײַנט מיט לאַטײַן, — מאַריאַם אַבראַמאָוונע האָט אַ שמייכל געטאָן, — אַ מאָדנע זאַך, אויף יידיש פֿלעגט ער רעדן מיט אַ פּראָנצויזישן פּראָנאָנס. טאַקע מיטן פּראָנאָנס איז ער אַוועקגעפֿאָרן...

— ער איז אומגעקומען? — האָט ניט אויסגעהאַלטן ריטע.

— ווער ווייסט. מער האָבן מיר אים ניט געזען, — מאַריאַם אַבראַמאָוונע איז אופֿגעשטאַנען. — אָבער, טײַערע ריטאָטשקע, איך דאַרף גיין. פֿאַינע אַבראַמאָוונע האָט זיך שוין מיסטאַמע אופֿגעכאַפּט.

— ער האָט אײַך אפילע ניט געשריבן? — ריטע איז אויך אופגעשטאנען.

— ניין. מיר האָבן געוואָרט. אמאָל דאכט זיך, אז מיר האָבן אָפּגעוואַרט דאָס גאנצע לעבן. פּאניעטשקע ווייסט דאָך ניט, כאָטש דער סאָד האָט שוין מיסטאמע קיין זין ניט, אז ערעוו זײַן אָפּפאָרן האָט ארנאָלד מיר געגעבן א שווּע... אײַך האָט נאָך קיינער ניט געגעבן קיין שווּע?

— ניין.

— ס'איז וווּנדערלעך. הייסט עס, אז אלצדינג איז נאָך אין דער צוקונפט.

ריטע האָט פארמאכט די אויגן. א נײַער צוג האָט א טרייסל געטאָן דעם צימער און אוועקגעטראָגן אים ערגעץ־ווו אינאיינעם מיטן דיוואן, מיט דער ראָזעווער פאָרצעלײַענער באלערינקע, מיט דער הויכער סטעליע, אף וועלכער ס'האָבן זיך געדרייט די צופּעליקע שײַן־פלעקן.

אינהאלט

■

די רויטע באלקע 3
אין א בעדארקע 26
די ווערדנע באָבע באשעווע 33
נאכמען 37
די ערשטע ווינדע 44
דער מאטראץ 49
א צימער מיט א הויכער סטעליע 54

גענאדי עסטרײַך

די רויטע באלקע

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1988, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור
וו. סאָקאָלאָווא, יע. טשערנינא
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

КРАСНАЯ БАЛКА

Геннадий Эстрайх

М., «Советский писатель», 1988, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
В. Соколова и Е. Чернина
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 25.08.88. Подписано к печати 18.10.88
Формат 70X108 1/32. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
Условн. печ. л. 2,8. Заказ № 1159.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
В/О «Совэкспорткнига» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 11, 1988

© Журнал «Советиш геймланд», 1988.